STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03035

# Y.L. PERETS

Isaac Turkow-Grudberg

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק טורקאָוו־גרודבערג

# י. ל. פרץ –
# דער וועקער

(צו דער 50־טער יאָרצייט)

הויפּט־פאַרקויף:
פאַרלאַג י. ל. פרץ, ישראל
תל־אביב, 1965 — תשכ״ה

**ITZHOK TURKOW-GRUDBERG**

**„I. L. PERETZ"**

יצחק טורקוב־גרודברג

י. ל. פרץ, המעורר

© Coopyright, 1965

by I. Turkow, Tel-Aviv—Jaffa, Israel

הויפּט־פאַרקויף: פאַרלאַג י. ל. פרץ

תל־אביב, אלנבי 31

דפוס „אורלי", תל־אביב

יצחק לייבוש פרץ

די דאָזיקע אויסגאַבע איז דערמעגלעכט געוואָרן אַ דאַנק דער הילף פון ועד הפועל פון דער הסתדרות העובדים; פון דער ישראלדיקער אנפירונג פון יידישן וועלט־קאָנגרעס; פון התאחדות עולי פולין

ווי אויך פונעם פאריין פון יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין ישראל.

יצחק טורקאָוו־גרודבערג

# י. ל. פרץ, דער וועקער

# תוכן:


| | | זייט |
|---|---|---|
| I | פופציק יאָר אָן פרצן | 7 |
| II | י. ל. פרץ — דער וועקער | 12 |
| III | די פאָן פון יידיש | 18 |
| IV | פון ביידע זייטן ראַמפּע | 26 |
| V | די סיבה פון אַנטוישונגען | 29 |
| VI | דאָס שטרעבן צו אַ קונסט־טעאַטער | 34 |
| VII | די טראַגעדיע פון דראַמאַטורג | 40 |
| VIII | פארערער און אויסטייטשער | 46 |
| IX | אויף מיין וועג | 53 |
| X | פראַגמענטן פון אַ דערציילונג | 58 |
| XI | דינעזאָן און פרץ | 60 |
| XII | אַ וואָרט פון קריטיקער | 100 |
| XIII | סוף פסוק | 102 |
| XIV | ביאָ־ביבליאָגראַפישע נאָטיצן | 106 |

# I

## פופציק יאָר אָן פרצן

דעם דריטן אַפּריל 1915 (פּסח) האָט י. ל. פּרץ אויף אייביק פֿאַרמאַכט די אויגן, זיצנדיק מיט דער פּעדער אין האַנט בײַ זײַן שרײַבטיש. ווערט פופציק יאָר זײַט יענעם טאָג, וואָס האָט געמאַכט אַזאַ שווערן אײַנבראָך אין יידישן שעפֿערישן לעבן, צוגענומען י. ל. פּרצן — די צענטראַלע פּערזענלעכקייט — און י. ל. פּרץ, דעם שאַפֿער.

ס'זענען אין משך פֿון די יאָרן קאַטאַקליסטיש צעשטורעמט געוואָרן די יסודות פֿון אונדזער פֿאָלקס־לעבן אין די לענדער פֿון מאַסן־יידישקייט — אין די לענדער פֿון פּרצן — אָבער ס'האָט נישט אויפגעהערט צו ווירקן דער צויבער פֿון דער פּערזענלעכקייט פּרץ. ס'לעבט די פּרץ־ירושה — אין וואָרט און אין אַטמאָספער — אין פֿאַרשידענע לענדער. באַזונדערס — אינעם לאַנד פֿון יידישער ווידערגעבורט, אין ישראל. טראָגט אַ גאַס אינעם לעבעדיקן צענטער פֿון דער גרעסטער יידישער שטאָט, אין תל־אביב, דעם נאָמען י. ל. פּרץ; און ס'טראָגט אַ גאַס דעם זעלבן נאָמען אויף דעם גרויסן יידישן בית־הקברות, דעם אַמאָל גרעסטן יידישן צענטער אין אייראָפּע, אין וואַרשע, וווּ פּרץ האָט געשאַפֿן און געווירקט; וווּ ער רוט אונטער די שטיינער פֿון זײַן „אהל", האָבנדיק בײַ די זײַטן די ערדישע איבערבלײַבענישן פֿון זײַן נאָענטסטן פֿרײַנד, יעקב דינעזאָן און זײַן חבר, ש. אַנ—סקי.

איז עס טאַקע אַ וווּנדער פֿון יידישן אויסדויער, עפּעס אַ נס, וואָס בעתן חורבן פּוילן, חורבן וואַרשע, ווען יידישע מצבה־

שטײנער האָבן געדינט צו פּלאַסטערן גאַסן און װען בית־עלמינס זענען פֿאַרװאַנדלט געװאָרן אין ספּאָרט־פּלעצער, אַז דאָס װערק פֿונעם סקולפּטאָר אָסטזשעגאַ, דער אין שטײן־געהאַקטער „אהל־פּרץ“, הײבט זיך נאָך אַלץ — שטאָלץ און נישט באַרירט — איבער די הײליקע קברים. נישט באַרירט פֿונעם פֿאַרברעכערס האַנט און נישט באַרירט פֿונעם גורל.

באַלד דערנעבן, אָן אַ זײט פֿון אסתּר־רחל קאַמינסקאַס מצבֿה, געפֿינט זיך די מצבֿה פֿון מײַן מאַמען. איר מאַרמאָרנע טאָװל איז דורכגעשאָסן פֿון אַ קױל. אַ סך אַנדערע מצבֿות אַרום און אַרום זענען בכלל צעשאָסן און צעשמעטערט. דער אהל פּרץ איז אָבער געבליבן אומבאַרירט. אַזױ אומבאַרירט איז אױך געבליבן אין ײדישן פֿאָלקס־לעבן און שאַפֿן די געשטאַלט פֿון פּרצן, דער נאָמען פּרץ.

אײניקע חדשים פֿאַר פּרצס טױט האָט זיך אָנגעהױבן די ערשטע װעלט־שׂריפֿה. זי האָט אױסגעװאָרצלט הונדערטער טױזנטער ײדן פֿון זײערע דורותדיקע װױן־פּלעצער, חרובֿ געמאַכט פֿילהונדערט־יעריקע קהילות. ס׳האָט זיך דאַן געדוכט, אַז ס׳װעט שװער זײַן צוריקצובױען דאָס ײדישע לעבן אין אַלטע ישובֿים. איז דװקא נאָך דער מלחמה פֿאָרגעקומען דער גרעסטער פֿאַנאַנדערבלי פֿון ײדישן לעבן און ײדישער קולטור — אין פּרצס פּױלן; אין דעם פֿון רעװאָלוציע־שטורעם אױפֿגעקומענעם ראַטן־פֿאַרבאַנד; אין באַלטישע לענדער און אין רומעניש בוקאָװינע־בעסאַראַביע, אַפֿילו אין רעגאַט. דאָס גאַנצע פֿיל־כװאַליעדיקע ײדישע לעבן איז געװען — דירעקט צי אומדירעקט — פֿאַרבונדן מיטן נאָמען פּרץ: שולן און ביבליאָטעקן אױף זײַן נאָמען; ליטעראַרישע פּרײַזן און פֿאַרמעסטן; טעאַטער־אױפֿפֿירונגען, פּאָרש־ און קריטישע אַרבעטן װעגן אים — אָנהײבנדיק פֿון בעל־מחשבֿות און ש. ניגער, איבער מאַקס עריקס „קאָנסטרוקציע־

שטודיען" וועגן „די גאָלדענע קייט" און „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", נחמן מייזילס זאַמל־אַרבעטן, ציִ אפילו משה גראָס־צימערמאַנס שטורעם פון אַ קריטישער פּרץ־רעוויזיע ; זאַמל־ביכער, עסייען, זכרונות, לידער און דערמאָנונגען געווידמעט פּרצן און אומצאָליקע פּרץ־אויסגאַבעס. גענוג צו זאָגן, אַז יעפים ישורין האָט אַן ערך 12 טויזנט ביבליאָגראַפישע פּרץ־פּאָזיציעס פאַרצייכנט אין פאַרשידענע שפּראַכן — און דאָס איז נאָך נישט אַלץ. וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן און פאָרש־קאַבינעטן זענען געווען פאַרבונדן מיט פּרצס נאָמען אַזוי, ציִ אַנדערש — אַפילו אין ראַטן־פאַרבאַנד, ביז די „ראַפּאָוצעס" האָבן נישט אָנגעהויבן צו גראָבן אונטער דעם צוליבן פּרצישן „נאַציאָנאַליזם און מיסטיציזם".

און אויף יענער זייט אָקעאַן : די גאַנצע מעכטיקע יידישע שרייבער־אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע האָט אָנגענומען זיין נאָמען ; שולן און קולטור־אינסטיטוציעס — אין ביידע אַמעריקעס. אויסגאַבעס פון פּרצס ווערק אין פאַרשידענע פאָרמען, ביז צו דער ממש אַקאַדעמישער אויסגאַבע פון פאַרלאַג „אידיש" אין ניו־יאָרק ; און אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה — די פיל־בענדיקע אויסגאַבע אין אַרגענטינע.

אויף פאַרשידענע פאַליוסן פון יידישן לעבן האָבן טעאַטערס געמאַכט פאַרמעסטן מיט פּרצס ווערק. די גראַנדיעזע אויפפירונג פון א. גראַנאָווסקי — „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" אין מאָסקווער קאַמער־טעאַטער און דוד הערמאַנס ביי די „ווילנער" אין פוילן ; מאָריס שוואַרץ אין ניו־יאָרק („די גאָלדענע קייט" און מלך ראַוויטש־שוואַרצס באַאַרבעטונג פון די „דריי מתנות") און אַן אָפּערע פון חנא וואָלפסטאַל „דריי מתנות" (אין גאַליציע און טשעכאָסלאָוואַקיע) ; „הבימה" אין מאָסקווע, בעת אירע אָנהייבן — אַ פּרץ־איינאַקטער און „אהל" אין ארץ־ישראל — אַ פּרץ־אָוונט. צענדליקער טעאַטערס אויף אַלע קאָנטינענטן און הונדערטער

דראַמאַטישע קרייזן האָבן זיך — אין אַ קלענערן, אָדער גרעסערן פאַרנעם — פאַרמאָסטן אויף פּרץ־אויפפירונגען. געווען אַפילו טעאַטערס אויף פּרצס נאָמען (פּאַריז, טשעכאָסלאָוואַקיע).

דאָס אַלץ כּמעט — די ערשטע 25 יאָר נאָך פּרצס טויט. די צווייטע 25 יאָר זענען געווען אַ סך טראַגישער און גרויליקער, ווי די קראַנקסטע פאַנטאַזיע וואָלט זיך געקאָנט פאָרשטעלן: אין זיי איז איינגעשלאָסן די היטלער־נאַכט און דער סטאַלין־פּאָגראָם פון יידישן לעבן אין ראַטן־פאַרבאַנד. בײדע קאַטאַקליזמען, וועלכע ס׳האָט איבערגעלעבט דאָס יידישע שאַפן, האָבן נישט געקאָנט אָבער באַזייטיקן פּרצן פונעם האַרץ־צאַפּל ביי יידישע מענטשן. אין די געטאָס, אַפילו אין די לאַגערן, האָט מען אין געהיים פּרצן געלייענט, פּרצן פאַרגעלייענט, פּרצן שטודירט. ס׳איז אַפילו געשאַפן געוואָרן אַ ווערק וועגן פּרצן — אין קראָקעווער געטאָ, דאָס בוך פון יוסף וואָלף „לייענענדיק פּרצן״. פּרץ האָט איבערגעלעבט היטלערן און סטאַלינען. ער האָט זיי איבערגעלעבט — אַ סך יאָרן נאָך זיין אייגענעם טויט.

און היינט צו טאָג, אויף דער אַזוי איינגעשרומפּענער — און גלייכצייטיק אויסגעברייטערטער — מאַפּע פון יידישן לעבן אין גאָר דער וועלט, לעבט אַלץ י. ל. פּרץ (אפשר שטאַרקער, ווי מיט 50 יאָר צוריק) אין די קולטור־געוועבן פון פאָלק. אין ישראל — דער גרעסטער היינט צו טאָג יידישער פאַרלאַג אין דער וועלט — טראָגט דעם נאָמען פּרץ; אין ניו־יאָרק — דער יידישער שרייבער־פאַריין; אין אַלע ישובים, ווו ס׳זענען פאַראַן יידישע שולן, אָדער צוגאָב־שולן — קאַנאַדע, פאַרייניקטע שטאַטן, דרום־אַמעריקע, ישראל, פּוילן — זענען פאַראַן פּרץ־שולן; ביבליאָטעקן, קלובן, לייען־קרייזן טראָגן דעם נאָמען פּרץ. פון צייט־צו־צייט דערשיינען נייע אויסגאַבעס פון פּרצס ווערק (אין די לעצטע יאָרן: איינציקע בענד אין פּוילן, אַ זאַמל־בוך

צום הונדערטסטן געבוירן־יאָר), אַפּילו אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ קליינע אָדליגע פֿאַרן יידישן לעבן, זענען די ערשטע דריי ביכער, וואָס זענען דאָרט ווידער דערשינען אין די פֿאַגראַמירטע און פֿאַרברענטע יידישע אותיות, געווען: אויסגעוויילטע ווערק פֿון שלום־עליכם, מענדעלע און פּרץ.

ווייל ווו נאָר עס קלאַפּט נאָך אַ יידישער אָדער, מוז בלייבן י. ל. פּרץ אין געדעכעניש. אַלע טעג פֿון אַ גאַנץ יאָר און באַזונדערס איצט — צו זיין פּופּציקסטער יאָרצייט — די באַזונדערע געלעגנהייט צו דערמאָנען אים. צו דערמאָנען, וואָס מיר האָבן פֿאַרלוירן און וואָס מיר פֿאַרמאָגן — לדורות.

אויך די באַשיידענע אויסגאַבע איז אַזאַ מין ביישטייער. צום אָפּמערקן די דאַטע, דעם עטאַפּ: 50 יאָר אָן פּרצן.

דאָס זענען עסייען — געשריבענע אין פֿאַרשידענע צייטן; בעלעטריזירטע פֿראַגמענטן — פֿראַגמענטן פֿון אַ ביאָגראַפֿישער דערציילונג, ווו עס דערשיינט אויך צווישן די ווירקנדיקע געשטאַלטן י. ל. פּרץ. די מערהייט פֿון די ווייטער־קומענדיקע אַרבעטן זענען פֿאַרבונדן מיט דער טעמע: י. ל. פּרץ און טעאַטער. אָבער נישט בלויז. אויך אין דער טעאַטער־טעמע דערשיינט פֿאַר אונדז פּרץ — דער וועקער. דער וועקער צו באַנייונג, דערהייבונג, פֿאַרויסגאַנג. און דאָס איז אייגנטלעך דער תמצית פֿון אַלע אַרבעטן, וואָס קומען אין דער אויסגאַבע: י. ל. פּרץ, דער וועקער.

II

## י. ל. פרץ — דער וועקער

זכרונות פון קינדער־יאָרן זענען אָפט מאָל פרישער, ווי געשעעענישן פון פאַר אַ קורצער צייט. איבערלעבונגען פון קינדער־יאָרן לאָזן אַ מאָל איבער זייערע שפּורן אויפן גאַנצן לויף פון אַ מענטשנס לעבן.

אין מיינע זכרונות פון די קינדער־יאָרן האָט זיך — אַחוץ די געשטאַלטן פון דער נאָענטסטער פאַמיליע און מיין ערשטן לערער — איינגעקריצט איין געשטאַלט, וואָס שוועבט נאָך היינט, ווי אַ לעבעדיקע פאַר מיינע אויגן.

ס׳איז געווען אַ פרילינג־טאָג פון יאָר 1914. בעת אַ שפּאַציר אין וואַרשעווער זאַקסישן גאָרטן, מיט יינגלעך אין מיין עלטער, באַווייזט זיך מיר אַ מאָדנע גרופּע מענטשן. די מערהייט — מיט ברייטע, שוואַרצע היטן, פון אונטער וועלכע עס האָבן אַרויסגע־קוקט לאַנגע האָר; שוואַרצע אויסבינדערס, פאַרבונדענע אין שלייפן; באַבערדלטע און ראַזירטע, הויכע און נידעריקע און אַלע — ווי צוגעשמידט צו אַ מאַן, וואָס איז געגאַנגען אין מיטן פון דער גרופּע. אויסגעזען האָט ער צווישן זיי אַ מיטלוועקסיקער — אפשר דער עלטסטער פון אַלע — מיט געדיכטע, באַזילבערטע וואָנסן און באַזילבערטע שלייפן פון אונטערן שוואַרצן הוט. די פּאָלעס פון זיין פעלערינע האָבן געפלאַטערט. אַלעמענס אויפמערק־זאַמקייט האָט געצויגן די געשטאַלט. עפּעס פון אַ פּריץ, עפּעס פון אַ רבין — דאָס איז, דוכט זיך, געווען דער גאַנצער קרייז פון מיינע דעמאָלטיקע פאַרגלייך־מעגלעכקייטן.

— ווער איז עס? — האָט עס אונדז, יינגלעך, פאַראינטריגירט.

מיר זענען נאָכגעגאַנגען, צוגעגאַנגען נענטער. דאָ ערשט איז אונדזער חידוש געוואַקסן: זיי רעדן פראַנק און פריי ידיש אין זאַקסישן גאָרטן, ווו יידן האָבן זיך נישט גאָר היימיש געפילט. מאָדנע מענטשן.

ערשט נאָך אַ צייט האָבן מיר דערהערט פון פאַרבייגייער:

— דער שרייבער פּרץ מיט זיינע תלמידים.

געווען נאָך באַמערקונגען, דוכט זיך אַפילו — שטעכ־ווערטלעך. איך האָב עס שוין אָבער נישט אויפגעכאַפּט. עס האָבן מיך עלעקטריזירט די דריי ווערטער:

— דער שרייבער פּרץ.

ווענן זיין שרייבן האָב איך נאָך גאָרנישט געוווּסט. כמעט גאָרנישט — ווענן שרייבער בכלל. און אין יענעם מאָמענט האָט זיך אין מיר דערוועקט דער אינטערעס צו דעם מין מענטשן. שרייבער! — דאָס ערשטע מאָל טרעפן י. ל. פּרצן האָט דעם אינטערעס אין מיר דערוועקט. און קודם־כל — דעם אינטערעס צו פּרצן גופא.

אַן ערך אַ יאָר שפּעטער, אין אַ פּסח־טאָג, בין איך שעהן־לאַנג געשטאַנען אויף אַ הויכן בוים אויף גענשע גאס און געקוקט ווי אַ לעבעדיקע טרויער־כוואַליע פון מענטשן האָט געשטראָמט צום גענשער בית־עולם. כ׳האָב נישט געזען קיין פּנימער, קעפּ, קליידער. אין מיינע אויגן האָט עס אויסגעזען ווי איין ריזיקער וואָלקן, וואָס פאַרנעמט דעם גאַנצן הימל, וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. אַ וואָלקן פון טרויער האָט געטראָגן אויף זיך דעם טויטן קערפּער פון יצחק לייבוש פּרץ צו זיין אייביקער רו אויפן וואַרשעווער בית־עולם.

איך געדענק נישט, צי איך האָב שוין ביז דאַן בייגעווויינט אַ לוויה, איך געדענק נישט, צי כ׳בין שוין דאַן געווען אַן עדות

פון אַ טויט־פאַל אין קרייז פון מיין משפּחה. די לוויה געדענק איך אַלס ערשטע, און אַלס גרעסטע, וואָס איז ביז היינט פאַרבליבן אין מיין זכרון. דעם גרעסטן אַלגעמיינעם טרויער. און אין מיר אַליין האָט זיך צום ערשטן מאָל דערוועקט אַ טיפער טרויער. אפשר האָט עס מיך אָנגעשטעקט דער אַרום, דער ריזיקער וואָלקן. אָבער דאָך — דער ערשטער גרויסער טרויער. דערוועקט איז ער געוואָרן אין מיר דורך פּרצס טויט.

און אין משך פון די צענדליקער יאָרן נאָך פּרצס טויט — וויפל מאָל עס איז מיר אויסגעקומען צו לייענען פּרצן, צו אַרבעטן איבער פּרצס ווערק, צו טראַכטן וועגן פּרצן, — האָט זיך כסדר געשטאַרקט דאָס געפיל פון זיין ערשטער דירעקטער ווירקונג אויף מיר, האָט זיך כסדר געשטאַרקט אין מיין באַוווסטזיין די באַצייכענונג פון פּרצן: דער וועקער. איך האָב דערזען, אַז דער, וואָס האָט אויפגעוועקט אין מיר ערשטע רעגונגען פאַר שרייבער און ליטעראַטור, איז אויך געווען דער וועקער אין דער יידישער ליטעראַטור, אין יידישן פאָלקס־לעבן, אין דער דערוואַכונג פון יידישן נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן געדאַנק.

באַקענט מען זיך מיט די באַלד צוואַנציק בענד פון זיינע ווערק — לידער און באַלאַדן, נאָוועלן און דערציילונגען, פאָלקס־טימלעכע און חסידישע געשיכטעס, דראַמעס און רייזע־בילדער, זכרונות און פעליעטאָנען, קריטיק און פּובליציסטיק — אומעטום און אין אַלץ קאָנען מיר געפינען דעם וועקער, וואָס האָט דעם פאָלקס־מענטש געמאַכט אויפוואַכן פון לעטאַרג, גערופן אים צום לעבן, צום לעבן מיט אָפענע אויגן און אַ שטאַרק־פּולסירנדיק האַרץ.

ער האָט געוועקט די קלויזניקעס און ישיבה־בחורים, די „מאָנישס“ און שפּעטער — די צוגעבונדענע „אין פּאָליש אויף דער קייט“; ער האָט געוועקט די געשטאַלטן פון זיינע פאָלקס־

טימלעכע געשיכטעס — אָנהייבנדיק פון „באָנטשע שווייג", ביז צו די פאַרגייסטיקטע למד־וואָווניקעס; ער האָט געוועקט די שלאָפנדיקע יידישע פּראָווינץ, אויפגערודערט דעם דרימלענדיקן זומפּ; ער האָט דער ערשטער — און מיט אַ נישט געוויינלעכן אייפער — געוועקט די פּילפּאַך־פּאַריאַכטע יידישע פרוי צו מענטשלעכע רעגונגען, פאַרלאַנגען, געפילן; ער האָט געוועקט דאָס יידישע טעאַטער צו דרייסטע פאַרמעסטן, צו קולטור־אויפשטייג און צום אַרויסוויקלען זיך פון די קינדער־וויקעלעך; געוועקט דעם פאַריאָכטן וועבער, טרעגער און אַנדערע האָרע־פּאַשניקעס; דאָס פאַרגליווערטע חסידות האָט ער גערופן עס זאָל זיך צוריקקערן צו זיין פאָלקסטימלעך־מענטשלעכן שטאַם — „אויב נישט נאָך העכער".

דער אַרויסגעבער פון די „יום־טוב־בלעטער", וועלכער איז אַליין געווען כולו יום־טוב, האָט גערופן צו שבת־יום־טובדיקייט, צו שטאָלצער יידישקייט, וואָס הייסט ווירדיקע מענטשלעכקייט — די „גאָלדענע קייט" פון יידישן שטאַם. אפילו די מתים „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" האָט ער געוועקט זיי זאָלן דערלעבן זייערע „נישט דערלעבטע לעבנס". מיט דינע אויפבליצן פון געמיט, אויפברויזן און שטימונגען, האָט ער אויפגערודערט און אויפגעטרייסלט דאָס יידישע פאָלק.

מען האָט אים געפרווט איינצושפּאַנען אין פאַרשידענע „איזמען", — ער פלעגט זיך אָבער שטענדיק אַרויסרייסן אויף די ברייטע שטחים פון פרייעם געדאַנק; מען האָט אים געפרווט איינצורעדן דעם רוף „צוריק אין שול אַריין" — אין זין פון בית־המדרש — אין דער צייט ווען ער האָט גערופן דעם יידישן מענטשן אין דער נ י י ע ר שול, אין אַ יידישער פאָלקס־שול, פאַר וועלכער ער האָט געפלאַסטערט דעם וועג, פאַרלייגט אירע יסודות. ער — דער גרויסער פריינד פון „קליין און גרויס", גרויסע

און קליינע קינדער פון זיין פאָלק. די קליינע קינדער, וועלכע ער האָט געווידמעט די לעצטע טעג פון זיין לעבן — סיי אין שאַפן, סיי אין טון. ווייל תמיד איז דאָס ביי אים געגאַנגען האַנט ביי האַנט: דאָס שרייבערישע שאַפן און געזעלשאַפטלעכע טון. איינס האָט פאַרפולקומט דאָס צווייטע, איינס האָט געמונטערט דאָס צווייטע. מיטביידע האָט ער געוועקט דאָס פאָלק.

אַלע פרוון אַרויסצוהייבן אזאַ אָדער אַנדער געביט פון פרצס שאַפן — די פּאָעזיע, פּראָזע, דראַמאַטורגיע, צי פּובליציסטיק — זענען פון פאָרויס באַשטימט אויף פרוכטלאָזיקייט. פרץ קאָן בלויז אָפּגעשאַצט ווערן אַלס גאַנצקייט, מיט אַלע זיינע דערהויבונגען און שטרויכלונגען. אין דער גאַנצער פילפאַרביקייט און צומאָל סתירותדיקייט פון זיינע פאַרשידענע שאַפונג־ און ווירקונג־עטאַפּן. פרצס שאַפן איז נישט אָפּצוטיילן פון זיין תקופה און — פון זיין פּערזענלעכקייט. פון דער ווירקונג פון זיין פּערזענלעכקייט אויף דער תקופה, אויף דער דערוואַכונג פון יידישן פאָלקס־מענטשן, פון זיין גייסט, זיין ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכקייט. ער איז דער קלאַסיקער מיט זיין גאַנצער שאַפונגס־מאָזאַיק. ער איז די שטורמישע סטיכיע, געפילך־ און געדאנקען־אַנלאָדער פון דער יידישער פאָלקס־דערוואַכונג.

מיין נישט די וועלט איז אַ קרעטשמע
— האָט ער גערופן
מיין נישט די וועלט איז אַ הפקר — באַשאַפן
פאַר וועלף און פאַר פוקסן,
פאַר רויב און פאַר שווינדל.

ער האָט געטרייסט דאָס פאָלק, ווייל „עס דאַרף אַ טרייסט".
ער האָט עס געוועקט „ווייל נאַכט איז גיפט און שלאָף איז טויט".

געוועקט צו אונדזער אויפלעבונג — אלס פאָלק, אלס מענטשן.

„שטילער, שטילער, דאנקען וויל ער" — זענען געווען די לעצטע ווערטער, וואָס זענען ארויס פון אונטער י. ל. פרצס פעדער א מינוט פאר זיין טויט.

דאנקען אָפּ די יידישע מאסן מיט פאראייביקן די געדעכעניש פון דעם מענטשן, וואָס איז געוואָרן דער סימבאָל פון זייער גייסטיקער דערוואַכונג; דעם, וואָס איז געוואָרן זייער עמוד האש, זייער פאָן.

III

# די פּאַן פון יידיש

י. ל. פּרץ איז געוואָרן די פּאַן פון יידיש, נאָכמער — פון יידישיזם. די דאָזיקע ראָל איז אים דערטיילט געוואָרן כמעט גלייך ווען יידישיזם איז געוואָרן א באוועגונג, באַזונדערס — נאָך דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, אין וועלכער פּרץ האָט גענומען אַזאַ אַקטיוון אָנטייל. די ראָל איז נאָך מער אַרויסגעהויבן געוואָרן נאָך זיין טויט, אין צווישן־מלחמה־פּעריאָד, ווען ער איז געקרוינט געוואָרן אלס פאָטער פון די יידיש־וועלטלעכע שולן.

זעט עס אפשר אויס אַביסל מאָדנע — נישט דערפאַר, ווייל פּרץ האָט אָנגעהויבן אַלס העברעיִשער שרייבער און א סך יאָרן שפּעטער געשריבן אויך העברעיִש (דאָס רוב יידישיסטן פון יענע יאָרן — און אפשר די פּאַרביסנסטע פון צווישן זיי — האָבן אָנגעהויבן מיט העברעיִש), נייערט: ווען מען דערמאָנט זיך זיינע געדאַנקען וועגן יידיש (טאָקע אין זיין ערשטער גרויסער יידישער שאַפונג) — אין „מאָניש“.

עס קומט דאָ אויס נאָכאַמאָל צו ציטירן פּערזן, וואָס זענען שוין אַזויפיל מאָל — און ביי אַזויפיל געלעגנהייטן — ציטירט געוואָרן, דעם אָנהייב פון קאַפּיטל „ד“ אין „מאָניש“:

אַנדערש וואָלט מיין ליד געקלינגען,
כ׳זאָל פאַר גויים גויִיש זינגען,
נישט פאַר יידן, נישט „זשאַרגאָן“!
קיין רעכטן קלאַנג, קיין רעכטן טאָן!

ס׳האָט פאַר ליבע, פאַר געפיל,
נישט קיין פּאַסנד וואָרט, קיין סטיל...

אַוודאי קאָן מען גלייך אָפּוועגדן דאָס דאָזיקע נישט דערשאצן די קראַפט פון יידיש מיט פּרצס אייניקע ווייטערדיקע פערזן אין דעם זעלבן קאַפּיטל (פערזן, וואָס ווערן בדרך־כלל ווייניקער ציטירט). דאָס איז דאָך שוין אַ לויב־געזאַנג פאַר דעם כוח און פאַר דעם אויסדרוק פון יידיש:

...אונדזער יידיש האָט נאָר וויצן,
האָט נאָר שפּיצן, בלאַנקע בליצן,
ווערטער, ווי פאַרסמטע שפּיזן!
אין אים לאַכן, וויינען ריזן!...

...ר׳איז אין גאַנצן בלוט און טרערן,
קענסט אין יעדן אויסדרוק הערן
ווי דער ים פון צרות זידט,
ווי עס ברעכט דאָס האַרץ דעם ייד...

איז אַזאַ סתירותדיקע אָפּשאַצונג פון יידיש נישט מער, ווי ליצענציאַ פּאָעטיקאַ, אַ נישט־קאָנסעקווענץ אינעם געדאַנקען־גאַנג פון דיכטער? — ניין, בשום אופן נישט. ס׳איז בלויז אַ פּרוּוו — אין אַ קינסטלערישן קיצור — צו באַצייכענען די מעלות און חסרונות פון יידיש, ווי פּרץ האָט זיי אין יענע יאָרן געזען. די מעלות, וועלכע האָבן עס טאָקע פאַרוואַנדלט יידיש אין אונדזער פאָלקס־שפּראַך; די חסרונות, וואָס פּרץ האָט געזען אין דעמאָלטיקן יידיש, וועלכע ער אליין האָט מיט זיין שאַפן, מיט זיין שלייפן און באַרייכערן די שפּראַך, געהאָלפן צו באַזייטיקן פּסולת פון מאַמע־לשון, געהאָלפן דאָס מאַמע־לשון צו פאַר־

וואַנדלען אין אַ פאָלקס־שפּראַך, אין אַ שפּראַך פון אַלע קרייזן און שיכטן.

ביי פּרצן איז דאָס נישט געווען קיין יידישיזם, ד. ה.: שאַפן פון יידיש אַן אידעאָלאָגיע. די שפּראַך איז ביי אים נישט געווען קיין עיקר, נייערט אַ מיטל צו דינען דעם פאָלק, צו דערהייבן דאָס פאָלק. דאָס יידישע פאָלק, ווי פּרץ האָט עס פאַרשטאַנען, דאָס הייסט — קודם־כל דאָס קערנדיקסטע אינעם פאָלק — דאָס פּוילישע יידנטום. אויף אַ נאַטירלעכן אופן איז ער געוואָרן דער פירנדיקער גייסט פונעם פּוילישן יידנטום, די פירנדיקע פּערזענלעכקייט פון דער פּויליש־יידישער קולטור־וועלט, דער רבי פון זיינע פּוילישע חסידים. אויך זיין יידיש איז געווען אַ פּוילישער יידיש, מיט אַלע חנען און פאַרבן פונעם דיאַלעקט, פונעם זאַצן־בוי, פון דער מעלאָדישקייט, בילדערישקייט און זאַפטיקייט פונעם פּוילישן יידיש.

דער לאַנגיאָריקער פריינד — און אָפט מאָל שאַרפער קעגנער — פון י. ל. פּרצן, אויך איינע פון די באַדייטנדיקסטע פּערזענלעכקייטן, וואָס דאָס פּוילישע יידנטום האָט אַרויסגעגעבן, נחום סאָקאָלאָוו, כאַראַקטעריזירט אַזוי פּרצן (אין זיינס אַ גרעסערער אַרבעט — קורץ נאָך פּרצס טויט): „פּרץ איז געווען אַ צעפּיצלטער, אַ פיל־פאַרביקער, אַ ניואַנסירטער און עס איז גוט, וואָס מיר האָבן געזען פּרצן אָט ווי ער איז געווען, ווייל נאָר אָט אַזוי איז ער געווען אַ וווּנדערבאַרע, צוציענדיקע דערשיינונג". און נחום סאָקאָלאָוו, דער רעדאַקטאָר פון „הצפירה" און די צענטראַלע געשטאַלט אינעם דעמאָלטיקן העברעיִשן שאַפן, באַטראַכט אַזוי דעם ענין שפּראַך ביי פּרצן: „פּרץ האָט נישט געקאָנט זיין אין העברעיִש דאָס, וואָס ער איז געווען אין יידיש, אויסדריקן אין העברעיִש דעם גאַנצן פאַרמעגן פון דער פאָלקס־טימלעכער לעבנס־פּראַקטיק, דעם גאַנצן אוצר פון מיינונגען,

אַנדייטונגען, ווונקען, וואָס מיט איין וואָרט זענען זיי מגלה פאַר אונדז, ווי דורך אַ כישוף, גאַנצע וועלטן פון אורשפּרינגלעכער נאַיִוויטעט, פון לעבנס־מקורדיקייט... זיין גאַנצע צוגרייטונג אין זאַמאָשטש, די עצם אימפּולסיוויקייט פון זיין שרייבן — דאָס האָט גורם געווען, אַז ער איז געוואָרן בעיקר אַ גרויסער מייסטער פון יידיש און בלויז ווי אַ צוגאָב — אויך אַ שרייבער און פּאָעט אין העברעיש... אין העברעיש האָט ער נישט געקאָנט צעשפּרייטן זיינע ברייטע פליגלען. אין דער שפּראַך האָט ער נישט געהאַט דאָס באַוווּסטזיין פון איינעם, וועלכער ווירקט און ווערט באַווירקט פון די מאַסן, ווי ער האָט עס געפילט, ווען ער האָט געשריבן יידיש... פונעם ערשטן טאָג, וואָס מיר האָבן זיך באַגעגנט אין וואַרשע, נאָך אַ לאַנגן איבערייס, איז פאַר מיר נישט געווען קיין ספק, אַז פּרץ וועט זיין דער גרויסער אָנזאָגער, אַ שעפער און באַנייער — בעיקר אין יידיש און אין אַקטועלע פּראָבלעמען"...

און אַזאַ בולטע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פּערזענלעכקייט, ווי יצחק גרינבוים — אַ שפּעטערדיקער מנהיג פונעם פּוילישן יידנטום, וועלכער האָט אין די יינגערע יאָרן פאַרקערט אין פּרץ־קרייז, — זאָגט עדות וועגן י. ל. פּרצן: „פון העברעיִש איז ער איבערגעגאַנגען צו יידיש, כדי זיך צו דערנענטערן צו די פאָלקס־מאַסן, צום פּשוטן יידן, דעם אָרעמען, כדי אַריינצוברענגען אין זייערע אָרעמע וווינונגען דאָס ליכט פון וויסן און אויסגלייכן זייער מענטשלעכע געשטאַלט און זיי אויפבונטעווען קעגן דער שפלות פון זייער לעבן" („פון מיין דור").

„מיר האָבן געזען אין אים אַ רבין לויטן חסידישן טייטש פונעם דאָזיקן טיטל און נישט דעם מנהיג. מיר זענען געווען צוגעבונדן צו אים מיט ליבע, הגם מיר האָבן נישט מסכים געווען מיט זיינע אָנשויונגען און דיסקוטירט מיט אים" (דאָרט).

און דער זעלבער יצחק גרינבוים האָט אין אַ ראַדיאָ־רעדע צום הונדערטסטן געבוירן־טאָג פון פרצן געזאָגט:

„פרץ האָט אַנטדעקט פאַר אונדז אין זיינע שאַפונגען דעם ליידנדיקן ייִדן"...

..."ער האָט געעפנט פאַר אונדז די הערצער פון די גרויסע גלויביקע און צווייפלער, וואָס ראַנגלען זיך מיט זייער גאָט צוליב דעם שלעכטן, וואָס געוועלטיקט אויף דער וועלט. ער האָט אונדז געלערנט ליב צו האָבן דעם פשוטן ייִדן, די ייִדישע פאָלקס־מאַסע, צו פאַרערן איר גייסט, וואָס רייסט זיך צו די הויכקייטן..."

„...געוועקט אין אונדז בונטאַרישקייט, דעם אומווילן קעגן אויסגעטראָטענע סטעזשקעס..."

„פרץ איז געווען נישט בלויז אַ שרייבער און אַ דיכטער. ער איז געווען אַ כלל מענטש, וואָס האָט געשטרעבט צו אַ נאָענטער באַרירונג מיטן כלל, באַמיט זיך אויף אים דירעקט משפיע צו זיין"...

דערפון מן־הסתם — דער ווילן ביי פרצן אַרויסצוטרעטן דירעקט, פאַר קלענערע און ברייטערע אוידיטאָריעס. וואָס גרעסער און וואַרעמער די אוידיטאָריע, אַלץ מער איז ער דערוואַרעמט געוואָרן און אַריין אין טראַנס פון זיינע ווונדערלעכע, אימפּראָוויזירטע רעדעס. רעדעס, וואָס זענען געווען צאַרט־פּאָעטיש און אָראַטאָריש־פּאַטעטיש; וואָס האָבן געקאָנט דערהייבן און אָנצינדן מאַסן. און צו דעם האָט ער דאָך געשטרעבט.

דערגיין צו די מאַסן האָט ער געקאָנט בלויז אין ייִדיש, איז ייִדיש במילא געוואָרן כמעט זיין איינציקע אויסדרוק־פאָרם. און ווייל ער איז געווען אַ קינסטלער־נאַטור, האָט ער געזוכט די דאָזיקע אויסדרוק־פאָרם אַלץ מער צו פאַרפיינערן, צו באַרייכערן.

ער האָט געזוכט אַרויסצובאַקומען דאָס אייגנטימלעכע און

אייגנדיקע פון יידיש. ווי שרייבט יעקב גלאַטשטיין אין זיינע באַטראַכטונגען וועגן יידיש־לשון: „יעדע שפּראַך פאַרמאָגט געלעכטער און די גראַמאַטיק פון געלעכטער — הומאָר. אָבער יידיש פאַרמאָגט נאָך דערצו פּיקחות, וואָס דאָס איז אַ גאָר באַזונדערער בייטראָג צום וועלט שפּראַכן־אָרקעסטער".

אָט דעם „גאָר באַזונדערן בייטראָג" האָט אין גרויסער מאָס טאַקע געגעבן י. ל. פּרץ.

איז ער געוואָרן דער מייסטער פון יידיש־לשון, וועלכער האָט דער שפּראַך אַריינגעגעבן פרישע לעבנס־זאַפטן, יונג בלוט, און נישט־געאַנטע שעפערישע פּאָטענצן. אַזוי איז ער אויך געוואָרן די פאָן פון יידיש — מיט זיין שאַפן, דער ווירקונג פון זיין פּערזענלעכקייט און דער קראַפט פון זיין אינספּיראַציע.

ער איז אַנטלאָפן פון דעם פרעמדן — ווו ער איז אייגנטלעך אין פּרט פון דערציונג אין די רייפע יאָרן און פאַרשטיין, גאָרנישט געווען אַזוי פרעמד. ער האָט אָבער דאָס בעסטע פון פרעמדן געוואָלט אַריינבאַקומען אין יידיש. נישט נאָכמאַכן, נייערט איבערשאַפן. שאַפן פון היימישן חומר, באַנוצנדיק בלויז פרעמדע מוסטערן, האָט עס געמעגט זיין היינע, נאַדסאָן, צי וויספּיאַנסקי — דאָס זייעריקע איז בלויז געווען אַ כלי. אַפילו דאָס היינישע. אין דער כלי האָט באַדאַרפט אַריינקומען דאָס אורשפּרינגלעך־יידישע, יעדנפאַלס — דאָס עכט־יידישע.

עס איז קיין פרייע ליבע וועלט,
עס גרינט און בליט דאָס פרעמדע פעלד;
איך רייס אַ בלום און לייג אין שוים —
אַך, מיך שטעכט די פרעמדע רויז.

אין דעם גייסט האָט ער באַפּרוכפּערט דאָס יידישע לעבן דורך די אַרבעטער־קרייזלעך, אין וועלכע ער האָט געווירקט אין די צייטן פון די „יום־טוב־בלעטער"; דורך די פאַרשידענע ליטעראַרישע און דראַמאַטישע קרייזן — אין דער תקופה פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע און נאָך איר; דורך דער „ליטעראַרישער געזעלשאַפט". אַזוי האָט ער געוואָלט ווירקן דורכן יידישן טעאַטער און צום סאַמע סוף — דורך דעם פּאַטראָנאַט איבער היימלאָזע יידישע קינדער בעתן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. ווירקן אין יידיש, לסוף אַפילו — ביז קנאישקייט אין יידיש.

ס'איז דאָך נישט סתם אַ קאַפּריז געווען ביי אים דער היסטאָרישער עפּיזאָד פון זיין פּעטערבורגער באַזוך אין יאָר 1911; ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ גרויסער אַקציע, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון א. ווייטער און ד"ר י. מוקדוני וועגן שאַפן קאַפּיטאַל אויף אויסצובויען אַ קינסטלעריש יידיש טעאַטער אין וואַרשע. אין שליחות פון דעם טעאַטער־קאָמיטעט איז פּרץ אַרויסגעפאָרן קיין פּעטערבורג. דאָרט האָט זיך צונויפגעקליבן אַ ריזיקער עולם פון דער אַסימילירטער יידישער פּלוטאָקראַטיע און אינטעליגענץ, ביי וועלכע פּרץ האָט עס געזאָלט שאַפן פינאַנסיעלע מיטלען לטובת דער טעאַטער־אַקציע. די פאַרזאַמלונג האָט דערעפנט ש. דובנאָוו — אין רוסיש... דער גאַנצער עולם איז געווען אַ רוסיש־רעדנדיקער. דאָס איז געווען גענוג פאַר פּרצן ער זאָל פּשוט אויפרייסן די פאַרזאַמלונג. ער האָט געשאָטן פּעך און שוועבל אויף זיינע גאַסטגעבער און ממש געטריבן זיי פון זיך. „בויען אַ יידיש טעאַטער וועט די יידיש־רעדנדיקע און יידיש־דענקענדיקע דעמאָקראַטיע מיט אירע אָרעמע און מיט שוויס־פאַרהאָרעוועטע גראָשנס" — האָט ער פּראָקלאַמירט.

זיין פּראָקלאַמאַציע איז דאַן נישט מקוים געוואָרן. דאָקעגן

איז דער גרויסער פאַרמעסט פון ווייטער־מוקדוני — צוליב דעם אַרויסטריט — ממש צעשטערט געוואָרן.

ווייל צו תכלית־אויפטוען האָט זיך נישט געלאָזט אַריינ־פלאַטערן די פאַן — פרץ. ער האָט געקאָנט און געוואָלט בלויז פלאַטערן אין די ספערן פון גייסט.

דער בעסטער באַווייז איז אפשר געווען דערצו: פרץ און טעאַטער.

דערויף וועלן מיר זיך טאַקע בעיקר אָפּשטעלן אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך. אויף דער טעמע: י. ל. פרץ פון ביידע זייטן ראַמפּע.

## IV

# פוןביידע זייטן ראַמפּע

אַ דיכטער מיט אַזאַ ברויזנדיקן קינסטלערישן און געזעל־שאַפטלעכן טעמפּעראַמענט ווי י. ל. פּרץ — דערצו נאָך אין דער צייט און אין דער סביבה, אין וועלכער ס׳איז אויסגעקומען פּרצן צו לעבן און צו שאַפן — האָט געמוזט איבערלעבן אַ סך אַנטוישונגען. צופיל איז פּרצס צוגאַנג צו געשעענישן און פּראָבלעמען געווען געשטיצט אויף שטימונגען און דיכטערישע זעונגען, אַז דער דיכטער זאָל קאָנען אויסמיידן אַנטוישונגען ביים קאָנפראָנטירן זיינע וויזיעס און טרוימען מיט דער ברוטאַלער ווירקלעכקייט פון זיין צייט.

אָבער צו די גרעסטע אַנטוישונגען אין זיין פיל־ליבנדיקן לעבן האָט, דוכט זיך, געהערט זיין ליבע צום טעאַטער. אַנטוישונ־גען, וואָס דאָס טעאַטער (ס׳יידישע טעאַטער) האָט אים געבראַכט פון דער אויסערלעכער זייט ראַמפּע, דאָס הייסט: אַלס טעאַטער־קאָנסומענט מיט אַ ראַפינירטן געשמאַק, אַלס מענטש, וואָס האָט געזוכט קינסטלעריש־דערהויבן, אויסגעפיינערט, אויסגעאיידלט טעאַטער; אַנטוישונגען, וואָס זענען געקומען פון דער אינער־לעכער זייט ראַמפּע, ווו פּרץ האָט געפּרוווט — און איז אייניקע מאָל דערשינען — אַלס מיטשעפער פון טעאַטער, אַלס פּראָדו־צענט, דראַמאַטורג און אייניקע יאָר: אַלס שטורמער פון פאַרשימלטע טעאַטער־מויערן, אַלס רעפאָרמאַטאָר פון יידישן טעאַטער, אַלס אָרגאַניזאַטאָר פון אַ קינסטלעריש יידיש טעאַטער.

י. ל. פּרץ איז געווען אַ מענטש מיט אַ „טעאַטער־נשמה״,

מיט אַ „סצענישן ברען", שוין אָפּגערעדט פון זיין אויסער־לעכקייט, זיין באַנעמונג, זיין נייגונג צו דעקאָראַטיווקייט אין פּריוואַטן לעבן און ביים דערשיינען אין דער עפנטלעכקייט.

אַ טעאַטער איז די וועלט,
גאָט איז אַ רעזשיסער —
ס'שטיק איז פיין, — ליידער איז
דער טייוול דער סופלער —

זינגט ער אין איינעם פון די לייכטערע לידער זיינע („פון שטוב און גאַס").

זיין ליבע צום טעאַטער (און פאַראינטערעסירונג מיטן טעאַטער) דאַטירט זיך נאָך פון פאַרן אָנהייבן די ליטעראַרישע טעטיקייט. י. ל. פּרץ דערציילט וועגן דעם אין זיינע זכרונות, דערמאָנענדיק טעאַטער־עפּיזאָדן פון די קינדער־יאָרן. ער דערציילט וועגן זיין פאַרטיפן זיך אין די ווערק פון דייטשן דראַמאַטורג קאָצעבוע א. אַ. ער גיט א שטייגער אין די בריוו (צו זיין כלה) אַ קורצע אָפּשאַצונג פון די ווערק פונעם פּוילישן דראַמאַטורג זאבלאָצקי, וועמענס ווערק ער האָט גראָד געלייענט אין יענער צייט.

פּרץ האָט פאַרמאָגט אַ רעזשיסערישע פאַנטאַזיע, וואָלט איך זאָגן, צו שילדערן בילדער אין האַנדלונג און גרופּירונג, צו צייכענען מענטשלעכע כאַראַקטערן, אויסצושפּילן פּויזעס מיט דער הילף פון פּונקטן; אויסשפּילן שטימונגען, מיט דער הילף פון פּויזעס. אָבער דער עיקר — אין פּרצס ווערק זענען פאַרשפּרייט און צעשאָטן פּערל פון טעאַטראַלישקייט. און דווקא — אין אַ גרעסערער מאָס — אין די נישט סצענישע ווערק. עס זענען דאָרט פאַראַן בילדער פון גרויסער סצענישער אָנלאָדונג און דראַמאַ־

טישער שפּאַנונג. אַ גראַנדיעזע גאַלעריע פון רעליעף־אויסגע־קנאָטענע, אָדער געצייכנטע, לעבעדיקע געשטאַלטן, וואָס אַנטוויקלען זיך און וואַקסן אויס אין זייער ווירקונג, אין זייער האַנדלונג. און זייער אָפּט איז אויך פאַראַן — טראַץ פּרצס נטיה צו אַ לאַקאָ־נישקייט פון אַנדייטונגען, צום מאַקסימאַלן צימצום אין וואָרט — אַן אויסדריקלעכער, צומאָל פליסיקער, געפּרעסטער דיאַלאָג. נישט קיין צופעליקע שמועסן פון פאַרשידענע פאַרשוינען אין אַ דערציילונג, נייערט אויסגעפּורעמטע, כאַראַקטעריסטיש־אינדי־ווידואַליזירטע, שניידיקע דיאַלאָגן.

בכלל איז דער דיאַלאָג געווען איינע פון פּרצס ליטעראַרישע פאַרליבטקייטן — שוין פון זיין יוגנט אָן. „דער עיקר ציען מיך און נעמען מיך די דיאַלאָגן — די „שטיקלעך מיט די פּאַסיקלעך״, ווי ס׳האָט ביי מיר געהייסן — ווו מענטשן רעדן״ — דערציילט אונדז פּרץ אין זיינע זכרונות.

האָבן מיר, הייסט עס, ביי פּרצן געשטאַלטן און דיאַלאָגן; מיר האָבן שטימונגען און צומאָל האַנדלונגען — ווענן פּראָבלעמען איז דאָך שוין אָפּגערעדט. און דער עיקר — אַ גרויסע פאַרליבטקייט אין טעאַטער, אין דער מיסטעריע פון טעאַטער־שפּיל, פון טעאַטער־ווירקן און פון באַווירקן מאַסן. טאָ פאַרוואָס־זשע האָט געדאַרפט קומען ביי אים צו אַנטוישונגען פון ביידע זייטן ראַמפּע — סיי אין פּרט פון זיין דראַמאַטורגישן שאַפן (אין דער צייט ווען אין זיין שעפערישן אַרסענאַל איז געווען אַזויפיל סצעניש כלי זין); סיי אין פּרט פון זיינע באַציונגען צום טעאַטער, אין דער צייט, ווען דער סוגעסטיווער כוח פון זיין פּערזענלעכקייט האָט געקאָנט אַזוי שטאַרק באַווירקן זיין סביבה און אויסווירקן זיך איבער אַזעלכע ברייטע קרייזן?

אין דער פראַגע וועלן מיר פּרווון זיך פאַנאַנדערקלייבן ווייטער.

V

# די סיבה פון אַנטוישונגען

די עיקר־שוועריקייט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס י. ל. פרץ האָט אַ סך פאַרלאַנגט פון טעאַטער, ווי בכלל פון קונסט, פון ליטעראַטור, פונעם שאַפן. ער האָט אַ סך פאַרלאַנגט פון זיך און אַ סך פאַרלאַנגט פון אַנדערע.

און זאָל עס נישט קלינגען ווי אַ פּאַראַדאָקס: ער, דער וועקער פון די מאַסן, דער צונויפגעבונדענער מיט מאַסן; דער, וואָס האָט זיך געקאָנט אַזוי אָנצינדן און באַגייסטערן פונעם מאַסן־אָטעם, — ער איז אין תוך, אינערלעך, געווען אַן עליטאַרע קינסטלער־נאַטור, אַ גייסטיקער אַריסטאָקראַט.

ער האָט טאַקע געפּרעדיקט — און הייליק געגלויבט אין דעם — אַז „אַלץ דאַרף זיין פאַרן פאָלק און דורך דעם פאָלק". אָבער ווי אין אַ סך אַנדערע פאַלן פלעגט ער דערביי אריינפאַלן אין סתירות, וואָס זענען געווען אַ רעזולטאַט פון מאָמענטאַלע שטימונגען — פון אַ בליץ־געדאַנק, וואָס פלעגט געבוירן ווערן פון דער אָדער יענער שטימונג.

„גאַנץ צופרידן קאָן מען נאָך מיטן יידישן טעאַטער נישט זיין; אַ טעאַטער איז א בית־המקדש, ווו קיין פעלערהאַפטע זאַך, בעל־מום טאָר נישט אַריינקומען; אָבער זעענדיק דעם פאָרשריט, וואָס דאָס טעאַטער האָט געמאַכט אין לעצטן יאָר, קאָן מען זיך טרייסטן און האָפן, אז מיט דער צייט וועט זיך דאָס טעאַטער אַנטוויקלען ביז דער העכסטער מדרגה" — דערקלערט י. ל. פרץ אין יאָר 1907, אין אַ רעדע אויף דעם באַנקעט לכבוד אברהם

יצחק קאַמינסקיס יובילײ. (איבערגעגעבן אין דער וואַרשעווער „ראָמאַן צײַטונג‟, ציטירט לויט נחמן מײַזילס „בריוו און רעדעס פון י. ל. פּרץ‟)

אויף אַ פאַרזאַמלונג וועגן יידישן טעאַטער אין דער וואַרשעווער פילהאַרמאָניע (יאָר 1910), זאָגט י. ל. פּרץ:

„דאָס יידישע טעאַטער שטייט זייער נידעריק, דאָרט ווערט דאָס הייליקסטע געטראָטן מיט די פיס. צי דאַרף מען האָבן טענות צו די ליטעראַטן? — ניין; ס'זענען פאַראַן פעלקער וואָס האָבן קיין אָריגינעלע דראַמעס נישט, זיי שפּילן איבערזעצונגען;‟ — אפשר צום אַרטיסט? — „צו אונדזער אומגליקלעכן אַרטיסט, וואָס אַרבעט טאָג און נאַכט? אויך ניין!‟ — צו וועמען דען? — דערויף האָט פּרץ דאַן נישט געענטפערט (ער באַוויזט נישט צו פאַרענדיקן די רעדע צוליב דער שפּעטער צייט), אָבער ער האָט שוין געהאַט געענטפערט דערויף מיט אַ צייט פריער אין זײַן רעצענזיע וועגן „דוד אין דער מדבר‟. אין דער פאָרם פון אָריגינעלע שאלות ותשובות מיטן לייענער, זאָגט ער, אַז אויב דער לייענער וויל — „ווײַנען אויפן יידישן טעאַטער מיט זײַנע אויטאָרן, ליטעראַרישן רעדל־פירער און טאַלאַנטפולע אַקטיאָרן, פון וועלכע מען מאַכט קוימענקערערס — גייט אויף „דוד אין דער מדבר‟... „עס איז געווען אַ וויכוח אין דער פּרעסע; מען האָט די פראַגע געשטעלט, ווער איז שולדיק, וואָס דאָס „יידישע טעאַטער‟, אויף וועלכן מען האָט אַזוי לאַנג געהאָפט, ווי אויף משיחן געוואַרט, שפּילט „וועלוועלע עסט קאָמפּאָט‟, „אישה רעה‟ און דעסגלייכן... צי זענען שולדיק יידישע שרייבער, וואָס „מאַכן‟ נישט קיין דראַמען... צי איז שולדיק דער ליטעראַרישער רעדל־פירער, וואָס האָט גוטע זאַכן און גיט „שונד‟ — צי קומט אויפצוהענגען דעם אַנטרעפּענער, וואָס פאַרלאַנגט דורכויס שמוץ צוליב קאַסע... צי אפשר די יידישע אַקטיאָרן אַליין, וואָס

ווילן בעסער פריילעך מאַכן דעם עולם? גלויבט מיר — אַ נאַרישער וויכוח געווען... שולדיק איז דאָס פובליקום, דאָס וויסטע, פאַרשאָלטענע פובליקום, וואָס האָט אויערן נאָר פאַר שאַרמאַנקע־מוזיק, אויגן — נאָר פאַר אויפרייסנדיקע זאַכן און געשמאַק פון גראָבע, ווילדע מענטשן, אוממענטשן.

דאָס פובליקום, וואָס האָט אויף „דוד אין דער וויסטע" דאָס טעאַטער פאַרפולט, בראַוואָ געפּאַטשט און — אַרויסגערופן דעם אויטאָר"...

אויף דעם עפנטלעכן פּראָטעסט פון מחבר און דירעקטאָר (אין איין פּערזאָן) רעפּליקירט י. ל. פּרץ נישט ווייניקער בייסיק („הער עפּלבערג פּראָטעסטירט"), אַז ער ענטפערט אים דער עיקר „צוליב דעם פובליקום, וואָס דאַרף און מוז באַקומען אַ בעסערן געשמאַק; צוליב דעם יידישן טעאַטער, וואָס עס איז שוין צייט, עס זאָל האָבן אָפּגעפּאַקט און אָפּגעמאָזלט און אָנהייבן וואַקסן און צוליב דעם יידישן שוישפּילער — מען זאָל פון אים קיין פּורים־שפּילער נישט מאַכן"...

פּרץ זעט דערביי קלאָר די סיבות פון דער לאַגע. ער פאָרמולירט זיי זייער טרעפלעך אין זיין טעאַטער־פּעליעטאָן „אוי, דלות, דלות":

„אַ חזיר־שטעלכל אָדער גלאַט אַ שטעלכל, זאָגט דער מאָדערנער קריטיקער אויפן יידישן טעאַטער... און דאָך, שולדיק איז דער דלות...".

ער שילדערט דעם יידישן „מנין", די סוכה, דעם חדר, דעם בית־עלמין און קומט צום אויספיר:

„דאָס יידישע טעאַטער קאָן קיין אויסנאַם נישט זיין. דאָס טעאַטער דאַרף זיין אַן אַנשטאַלט צו דערציען דעם גרויסן, און עס קאָן נישט בעסער און שענער זיין פאַרן חדר, ווו עס ווערט דערצויגן דאָס קינד"...

„ווער האָלט אונטער דאָס טעאַטער? חסידים און בעלי־בתּים נישט — רייכע און אַסימילאַטאָרן נישט — דער פּראָלע־טאַריער קאָן עס נישט אויסהאַלטן, ער האַלט קוים זיך אַליין אויף!...".

„אויף וועמען צו שטיצן האָט זיך דאָס טעאַטער נישט. און אויב אַ טעאַטער האָט זיין פּובליקום נישט, מוז עס אַריינגאָרן פון גאַס, ווי אין אַ באַלאַגאַן אַריין, מוז עס זיין נחס תּיבה מיט אַלע חיות, אַ כּל־בו פון זינג, טאַנץ, שפּרונג, שרייענדיקע, וויינענדיקע סצענעס...

„...און דערוויַיל גייען טאַלאַנטן פאַרלוירן, אונדזער געשמאַק ביים אַנגעלאָפּענעם, צופעליקן פּובליקום פאַרדאַרבט זיך פון טאָג צו טאָג"...

ער זעט קלאָר, אַז עס פעלט די געזעלשאַפטלעכע אַפּוטרופּסות איבערן יידישן טעאַטער. אין די כּוחות פון טעאַטער האָט ער געגלויבט, כאָטש ער האָט זיך געשראָקן וועגן זיי ביי אַן ערנסטן פאַרמעסט. ווען פּרץ איז געגאַנגען אויף דער פאָרשטעלונג פון מאַקסים גאָרקיס „אויפן לעצטן שטאַפּל" („נאַ דניע") האָט ער געהאַט גרויסע ספקות, וואָס שייך די אַקטיאָרן און פּובליקום. אָבער וועגן אַקטיאָרן: „אין אַלגעמיין זענען די ספקות צערונען גלייך נאָכן אויפגיין פון פאָרהאַנג"; און וועגן פּובליקום: „עס זענען געקומען די נעכטיקע און אייערנעכטיקע געסט, וואָס זוכן „אָפּערעטקעס" מיט כּישוף־מאַכערינס אין קורצע קליידלעך מיט פעטע לידלעך"... און פּרץ רופט אויס: „גאָרקיס פּובליקום וועט ערשט קומען"... דאָס איז זיין טיפער גלויבן אין טעאַטער און אין אויפשטייג פון דער מאַסע.

„היינט איז געוועזן די פייער־פּראָבע פאַרן יידישן אַקטיאָר. ער איז באַשטאַנען, ער איז אַרויס מיט נצחון", — שרייבט ער וועגן דער אויפפירונג פון גאָרקיס פּיעסע. דאָס שטערט אים נישט

אין אַ קורצער צייט שפּעטער צו דערקלערן אין אַן אינטערוויו (אין דער לעמבערגער יידיש־פּוילישער צייטונג „יעדנאָשטש"):

„ס'פעלן אונדז אויך אַקטיאָרן, ווייל די וואָס שפּילן איצט רעקרוטירן זיך ס'רוב פון מענטשן אָן אַ געהעריקער פאַך־אויסבילדונג. ביים שפּילן האָבן זיי אַ געוויסן שאַבלאָן, מאַכן אַ תל פון מחברס געדאַנקען, כדי אויסצונעמען ביי די נידעריקסטע יידישע שיכטן, וואָס האָבן ביז אַהער קיין אַנדער שפּיל נישט געזען". (לויט מייזילס פריער ציטירטן בוך).

אָדער אין אַ שפּעטערדיקן אינטערוויו מיט ש. שנייפּאַל:

„דער צושטאַנד פונעם יידישן טעאַטער וואָלט געווען דער זעלבער טרויעריקער, ווי ביי דער ליטעראַטור. קומט אָבער צו נאָך אַ מאָמענט: דער שוישפּילער, דער צווייטער מאַן נאָכן אויטאָר, איז אויך אָן שול און מיט דער גאַנצער אָרעמקייט און עסטעטישער איגנאָראַנץ... דאָפּלטע אַמעראַצעס... שטייט דאָס טעאַטער פיל נידעריקער אַלס די ליטעראַטור, עס איז טראַגי־קאָמיש".

דאָס זענען סתירות, אויפגעקומענע אין רעזולטאַט פון שטימונגען און אַנטוישונגען. אָבער פּרצן איז פרעמד פּעסימיס־טישע רעזיגנאַציע. דעריבער זוכט ער וועגן צו ענדערן די לאַגע און קאָן דערקלערן (אין פריער ציטירטן אינטערוויו אין „יעדנאָשטש"):

„ביי אונדז אין וואַרשע האָבן מיר שוין אָנגעהויבן עפּעס צו טון אין דער ריכטונג. מיר שאַפן ליבהאָבער־סצענעס מיט אינטעליגענטע אַקטיאָרן און געקליבענע פּיעסעס". ער קאָנסטאַ־טירט די קראַנקייטן פון דעמאָלטיקן יידישן טעאַטער, — הגם נישט שטענדיק שטעלט ער אַוועק דעם זעלבן דיאַגנאָז — און נעמט זיך אַליין צו דער ראָל פון אַ רופא. ער וויל ווערן דער רעפאָרמאַטאָר פון יידיש טעאַטער, דער אָרגאַניזאַטאָר פון אַ ניי, קינסטלעריש יידיש טעאַטער. און דאָס איז מן־הסתם געווען די עיקר סיבה פון זיינע נייע אַנטוישונגען.

VI

# דאָס שטרעבן צו אַ קונסט־טעאַטער

שוין אין זיינע רעצענזיעס וועגן פאָרשטעלונגען אין יידישן טעאַטער און אין זיינע טעאַטער־פעליעטאָנען, פּרוּווט פּרץ צו ווירקן אין דער ריכטונג פון דערהייבן, דערציִען, רעפאָרמירן דאָס יידישע טעאַטער. ער קומט מיט אינטערעסאַנטע, בליציקע געדאַנקען (כאָטש אָפט מאָל זייער סתירותדיקע).

ראָזאַ פּרץ־לאַקס, זיין קרובה און אָפטע איינגייערין צו אים אין הויז, ברענגט פּרצס א מיינונג וועגן סטאַניסלאַווסקיס קונסט־טעאַטער:

„סטאַניסלאַווסקיס טעאַטער איז צופיל רעאַליסטיש. די אַרטיסטן דאַרפן פאָרשטעלן נאָר דאָס, וואָס דער מענטש זעט אין טרוים". איז אויב רעדן מיט הײַנטצייטיקע קאַטעגאָריעס, האָט ער פאַרלאַנגט אַ קאַפקאַ־טעאַטער, אַ טעאַטער פון טרוים.

אין זיין אַרטיקל וועגן פּינסקיס „פאַמיליע צבי" שרייבט טאַקע פּרץ:

„דעם היינט מיט זיין נויטווענדיקער לאָגיק, קליינע אינטע־רעסן, קליינע טוגנדן און פאַרברעכן, מוז דער קינסטלער איבערלאָזן דעם כראָניקער, דעם פּאָליטיק־שרייבער און מאַכער — דעם „גאַראַדאָוואָי"!

„דער קינסטלער מוז האָבן די פּערספּעקטיוו פון דער צייט; דאָס, וואָס איז פאַרגאַנגען אין לעבן קאָן אויפשטיין אין ליד; דאָס, וואָס איז נאָך נישט געשען, קאָן ווערן געחלומט. דאָס

אַרומיקע קאָן העכסטנס זיין ליטעראַטור, געוויינלעך נאָר סעזאָן־אַרבעט".

און רעצענזירנדיק די פאָרשטעלונג פון פּינסקיס „מוטער" מיט אסתּר רחל קאַמינסקאַ, ווייזט אויף פּרץ, אַז דער שוואַכער איינדרוק פון דער פאָרשטעלונג, ליגט אין די פעלערן פון דער פּיעסע, אין סטיל אירן. ער האַלט, אַז די געשעענישן, וואָס קומען פאָר אין דער פּיעסע, קאָנען געמאָלט זיין ביי אומגעוויינלעכע מענטשן, דאַרף דעריבער זייער שפּראַך זיין אומגעוויינלעך און „דאָ רעדט די גאַנצע פאַמיליע וואָכעדיק... קיין איינציקער מעטאַלענער קלאַנג, קיין טיפערער אויסדרוק"...

„און דאָך וואָלט מען געקאָנט די דראַמע רעטן. דער אַקטיאָר קאָן מיט זיינע באַוועגונגען דעקן די פעלערן פון דער שפּראַך! עס דאַרף אויסזען, אַז די מענטשן פילן מער און טיפער, אַלס זיי רעדן".

דאַקעגן אין אַ בריוו צו פּינסקין, אַ קורצע צייט שפּעטער (1907), שרייבט פּרץ:

„איינטראַכטן זיך אין אַ טיפּ, אויסשטודירן זיינע באַוועגונגען, באַשאַפן דאָס רעאַלע פאַרן אידעאַלן — אָט דאָס איז דעם יידישן אַקטיאָר נאָך פרעמד, זייער פרעמד. ער שטייט שטענדיק מיטן אויער צום סופלער און דעריבער מוז דער צושויער אים אין מויל אַריינקוקן. פאַרהערט מען עפּעס, אַפילו ווען מען זעט, פאַרלירט מען דעם צוזאַמענהאַנג. און גוט שפּילט דאָך נאָר דער, וואָס שפּילט מיטן מויל פאַרן אויער און מיטן גאַנצן קערפּער פאַרן אויג..."

איז עס דאָך אַן עקסטרעם־פאַרשידענער צוגאַנג צו דער פאָרם און תּוך פון אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג. ריכטיקער: אַ נישט־קלאָרקייט אין פאָרמולירן דאָס, וואָס פּרץ האָט געפילט און געאַנט, אַז טעאַטער און אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג דאַרפן געבן.

און די נישט־קלאָרקייט — באַזונדערס אין באַצוג צום יידישן טעאַטער — האָט זיך גענומען פון דער צעשוווּמענקייט פון דעמאָלטיקן יידישן טעאַטער. ווייל קלאָר איז איינס: פּרץ האָט אין טעאַטער געזוכט קונסט, דערהויבענע און דערציענדיקע — און טאַקע נישט אָפּגעריסענע פון לעבן. ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן נאַטוראַליזם (און לאָמיר זיך דערמאָנען, אין שייכות מיט זיין מיינונג וועגן מאָסקווער קונסט־טעאַטער, אַז אין יענער צייט איז סטאַניסלאַווסקי געווען אויפן וועג פון נאַטוראַליסטישע פּרוּוון), — גראָד, ווי ער האָט באַקעמפט נאַטוראַליזם אין דער ליטעראַטור, — אָבער נישט קעגן רעאַליזם (דאַן פלעגן די צוויי באַגריפן פאַרמישט ווערן). ער זאָגט עס דייטלעך אַרויס אין די „געדאַנקען אין דער וועלט אַריין".

„ביים פונדאַמענט האָט געאַרבעט גאָלדפאַדען, ציגל געלייגט: דאָס האַרציקע יידישע לידל, דאָס שפּיציק־יידישע ווערטל, בענקשאַפט, באַרמהאַרציקייט — און אַלץ נאַיוו, פאָלקסטימלעך — אָבער ווי קאָן זיין אָן אַ דאַך? שפּרינגט באַלד אַרויס גאָרדין, דעקט דאָס הויז מיט גרייטע דראַמען! דאָס פאָלק און זיין לעבן האָבן נאָך דעם מאַטעריאַל נישט געגעבן (מיין קורסיוו) — אויף וואָס אָבער האָט אַ מענטש הענט? צום נעמען"...

קומט דער יונגער, מאָדערן־טראַכטנדיקער ייד אין טעאַטער אַריין „פּילט ער, אַז עס איז שקר! אַז עס איז אַ שפּינוועבס און אַז אַלץ איז אים פרעמד, אומגעהויער און אוממעגלעך פרעמד, יעדעס וואָרט, יעדער זשעסט, יעדע באַוועגונג און אַזוי דער גרים, ווי דער אַקטיאָר.... אַ מערכה — דאָס לידל, אַ מערכה דאָס פּעטע ווערטל, אַ מערכה דאָס טענצל, אַנישט וואָלט לאַנגווייליק געווען צו שטאַרבן"...

„ווילד־פרעמדע געדאַנקען און געפילן און פאַרוויקלונגען. און קוים קאָן ער, אַנטלויפט ער צום אמת — צום ווירקלעכן

גויאישן טעאַטער, ווו יעדעס וואָרט האָט זייןווירקלעכע באַדייטונג. יעדער זשעסט איז נאַטירלעך און אמת. ווו די, וואָס באַוועגן זיך אויף דער בינע, זענען לעבעדיקע מענטשן, נישט שפּרעכנדיקע מאַנעקינען (מיין קורסיוו) און אין די אָדערן רינט ביי זיי בלוט, נישט וואַסער געפאַרבטע, ווו מען וויינט — ווייל עס טוט ווי און מען לאַכט, ווען עס איז ווירקלעך פריילעך!".

און אַזאַ טעאַטער האָט פּרץ געשטרעבט צו שאַפן ביי יידן. דערפון — זיין אומרו:יק זוכעניש פון וועגן, ווי אַזוי דאָס טעאַטער צו באַשאַפן. אַנטווישט ער זיך אין אַלטע פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן (פּרץ האָט געהאַט גרויס רעספּעקט פאַר זייער טאַלאַנט און איז געווען אויפגעטרייסלט פון זייער אומוויסן און מאַנגל אין באַציונג), שטעלט ער זיין גאַנצן אויטאָריטעט אין דינסט פון דוד הערמאַנס דראַמאַטישן קרייז און פון ענלעכע ערנסטע דראַמאַטישע קרייזן (למשל — אין לאָדזש), ברענגט אַראָפּ די פּרץ־הירשביין־טרופּע קיין וואַרשע, מיינענדיק זי צו פאַרוואַנדלען, צו דערהויבן צו דער ראָל פון אַן איינציק יידיש טעאַטער.

אָבער די אַלע פּרוון זענען צעקלאַפּט געוואָרן קודם־כל עקאָנאָמיש, ווייל עס האָט געפעלט די געזונטע באַזע פאַרן טעאַטער (ווי פּרץ אַליין האָט עס גלענצנדיק באַצייכנט אין דעם פריער ציטירטן פעליעטאָן „אוי, דלות, דלות"). פּרץ — דער ראָמאַנטיקער — גלויבט, אַז מיטן ברען און גוטן ווילן פון יחידים וועט קאָנען געשאַפן ווערן די באַזע. דערפון זיין אָנטייל אין דער גרויסער אַקציע מיט דער הילף פון גבירים און מעצענאַטן, וועלכע האָבן געדאַרפט געבן געלט אויף דעם צוועק צו שאַפן אַ יידיש קונסט־טעאַטער. ער פאָרט אַליין וועגן דעם ענין קיין פּעטערבורג, ווי ס'איז פריער שוין באַשריבן געוואָרן.

די אַקציע איז נישט געווען סתם אַ שטימונג. זי איז געווען אַ שטיק פון פּרצס לעבן אין יענער צייט. ווי שטאַרק ער האָט

געגלויבט אין דער אַקציע, קאָן מען זען פון זיין בריוו צו מענדעלע מוכר ספרים:

„עס איז געבליבן, אַז עס מוז געבויט ווערן אַ ניי ידיש טעאַטער. צו דעם צוועק מוז מען זיך ווענדן צו דער געזעלשאַפט־לעבער הילף"...

„...אין נאָמען פון דער חברה קום איך אייך בעטן, זייער און זייער בעטן, איר זאָלט צו אונדז צושטיין און לאָזן אונטער־צייכענען אייער נאָמען אויך. אייער נאָמען איז, דאָס ווייסט איר אַליין, דער לויכטיקסטער, דער שטאַרקסטער... אייער נאָמען טאָר נישט פעלן. הויבט זיך אפשר אָן אַ ניי בלעטל פון דער ידישער קולטור, אָדער קונסט־געשיכטע. טאָ זאָל זיך דאָס בלעטל אָן אייער נאָמען נישט אָנהייבן". (מייזיל: „בריוו און רעדעס פון י. ל. פרץ").

אָבער ווי האָט דער גרויסער טרוימער געקאָנט נישט אַנטוישט ווערן, ווען ער האָט געהאָפט, אַז זיין חלום וועגן „אַ ניי בלעטל פון דער ידישער קולטור־, אָדער קונסט־געשיכטע" וועט ווערן אַ פאַקט אין דער דעמאָלטיקער ידישער ווירקלעכקייט אין רוסלאַנד און פוילן? פרץ האָט טאַקע פאַרשטאַנען, אַז געזונט מאַכן דאָס ידישע טעאַטער קאָן בלויז אַ געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג אַרום דעם טעאַטער, ער האָט אָבער נישט געוווּסט, אַז אַזאַ געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג קאָן נישט האָבן קיין האָפּט אין יענע באַדינגונגען.

אגב דערציילט ד"ר י. מוקדוני אין זיינע זכרונות („אין וואַרשע און אין לאָדזש"), אַז די דאָן געגרינדעטע „טעאַטער־געזעלשאַפט" איז פּאַקטיש אָנגעפירט געוואָרן בלויז פון א. ווייטערן און פון ד"ר מוקדוני. פרץ האָט זיך טאַקע געוואָלט — מיטן גאַנצן פייער, ווי זיין שטייגער — אַריינוואַרפן אין דער אַרבעט פון דער געזעלשאַפט, אָבער דערצו האָבן נישט דערלאָזט

סיי י. דינעזאָן, סיי א. ווייטער. זיי בײדע, וואָס האָבן אַזוי פֿאַרגעטערט פּרצן, האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז צופֿיל אַקטיוויזירן זיך קאָן שטערן פּרצן אין דער שעפֿערישער אַרבעט, זענען זיי באַשטאַנען, אַז פּרץ זאָל אויסווירקן אַ מין רעפּרעזענטירנדיקן פּאַטראָנאַט איבער דער געזעלשאַפֿט. און דער בריוו צו מענדעלע איז געווען אַזאַ מין פּאַטראָנירנדיקער אַקט. סיי דינעזאָן, סיי ווייטער האָבן אויך געוווסט, אַז אין דער פּראַקטישער אָרגאַני־זאַציע־אַרבעט קאָן פּרץ ווייניק נוצן ברענגען.

דער פֿריער־דערמאָנטער עפּיזאָד פֿון זיין פּעטערבורגער אַרויסטריט, איז געווען דער בעסטער באַווייז, ווי ריכטיק ס'איז געווען זייער פֿאָרזיכטיקייט און ווי נישט גענוג ווייט איז זי נאָך דערגאַנגען.

VII

## די טראַגעדיע פון דראַמאַטורג

אָבער די שטאַרקסטע אַנטוישונגען האָט י. ל. פרץ איבערגעלעבט ווי אַ דראַמאַטורג. ווייל אויב די איינאַקטערס (בעיקר „שוועסטער" און „ס'ברענט") האָבן נאָך געהאַט אַ תיקון (גאָר שטאַרק — אין די דראַמאַטישע קרייזן, אָבער אויך ביי פאַרשידענע ערנסטע טעאַטער־פּרוון), איז טראַגיש געווען דער גורל פון פּרצס גרעסערע דראַמאַטישע שאַפונגען.

„שוועסטער" האָט פּרץ אַליין געזען צום ערשטן מאָל אויסגעפירט אין פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער אין וואַרשע — מיט דער באַטייליקונג פון אסתר רחל קאַמינסקאַ. דאָס איז געווען אַ יום־טובדיקע פאַרשטעלונג פאַר אַ יום־טובדיקן עולם (אגב: זייער אַ געציילטן, — ווי ס'פּאַסט פאַר אַ „יום־טובדיקן עולם" — לויט נחס פּרילוצקיס רעצענזיע). ווי גרויס ס'איז דער יום־טוב געווען פאַר פּרצן — נישט געקוקט אויף פאַרשידענע ביטערע טראָפּנס, וואָס האָבן אַריינגעטריפט אין דעם פריידיקן וויין־בעכער — קאָן מען זען דערפון, אַז פּרץ איז נאָך דער פאַרשטעלונג דערשינען אויף דער בינע, אַרויסגערופן דורכן עולם, וועלכער איז מן־הסתם באַשטאַנען פון בלויז (אָדער כמעט בלויז) פּרצס פאַרברענטע חסידים.

„שוועסטער" איז טאַקע אַ שטאַרקער רעאַליסטישער אַקט, אין וועלכן עס ווערט אין אַ געפּרעסטן דיאַלאָג, מיט שאַרפע פאַרבן, געמאָלן און אויפגעוויקלט די טראַגעדיע פון דער ידישער פרוי, וואָס איר וועג „גייט משופּע אראָפּ". אַוודאי איז דאָ אַ סך

איבערטרייבונג אין דער פעסטשטעלונג פון דער סאָוויעטיש־יידישער טעאַטראָלאָגיע, אַז י. ל. פּרצס „שוועסטער" זענען געווען דער ערשטער פּרווו איינצובירגערן די דלות־טעמע אויף דער יידישער בינע, ווייל דער דלות איז אויף איר געווען אַן אַלטער תושב — אין אַלע פּרטים. און נישט ווייניק דלות־געשטאַלטן און דלות־טעמאַטיק האָט אַרויסגעברענגט גאָרדין אין זיינע צאָלרייכע דראַמעס. אָבער אין דער פאָרם — אין דער קינסטלערישער לייטערונג פון דער דלות־טעמע — איז פּרצס „שוועסטער" טאַקע געווען אַ נייעס, אַ ניי וואָרט, אַ נייער טאָן אין דעמאָלטיקן יידישן טעאַטער.

„ס'ברענט" איז ווידער דער פּאָפּולערער פּרץ־מאָטיוו: די טראַגעדיע פון דער יידישער פרוי, וועלכע פּרץ האָט אין זיינע ווערק געשילדערט אין פאַרשידענע פאָרמען און וואַריאַנטן — נישט רחמנותדיק, נאָר סאָציאַל־פּאַרטיפּט. דער אַקט האָט טאַקע אַ שטאַרקע דראַמאַטישע אָנלאָדונג (כאָטש אַן אָרעמען דיאַלאָג), אָבער איינאַקטערס האָבן קיינמאָל נישט געקאָנט האָבן די געהעריקע סצענישע וואָג. די נאָרמאַלע שפּייז פאַר אַ פּראָפעסיאָנעל טעאַטער (און צו אַזאַ האָט פּרץ געזוכט אַ וועג מיט זיינע דראַמען), איז אַ טעמאַטיש־גאַנצע סצענישע זאַך, וואָס זאָל קאָנען אויספילן אַ טעאַטער־אָוונט. און מיט דער ערשטער, פון דעם מין, מיט וועלכער פּרץ איז דערשינען אין פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער (קורץ נאָך דער פּרעמיערע פון די „שוועסטער") — מיטן „נסיון", האָט ער ווידער געהאַט אַן אַנטוישונג.

„דער נסיון" איז אַ צווייטער וואַריאַנט פון פּרצס דראַמע „אונטערגאַנג פון צדיקס הויז", וואָס איז לכתחילה אָפּגעדרוקט געוואָרן אין העברעיש און איז שפּעטער (נאָך פאַרשידענע באַאַרבעטונגען פון פּרצן) געוואָרן „די גאָלדענע קייט".

„דער נסיון" איז געווען אַ דורכפאַל. פּרץ האָט באַשולדיקט

אין דעם די אַקטיאָרן, הגם ער האָט זיך אַליין באַטייליקט אין רעזשיסירן די פאָרשטעלונג און ביז דער פּרעמיערע האָט ער שטאַרק געגלויבט אין איר דערפאָלג. פּרצס פאַרערער, דער דאַן פּאָפּולערער אין וואַרשע געזעלשאַפטלעכער טוער ד״ר גרשון לעווין, האַלט, אַז נישט בלויז די אַקטיאָרן זענען געווען די סיבה — „אין איר (אין דער דראַמע) איז נישט געווען קיין שום דראַמאַטישע אַקציע. די סצענע איז געווען אינגאַנצן איבעריק, ווייל די העלדן, וואָס האָבן זיך אויף איר אַרומגעדרייט, האָבן נישט געהאַט וואָס צו טון. זיי זענען געווען פאַרנומען מיט רעדן״ (ציטירט לויט זלמן זילבערצווייגס „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער״).

באַקענט מען זיך אָבער מיטן טעקסט פון „אונטערגאַנג פון צדיקס הויז״, קאָן מען עס נישט זאָגן. די פּיעסע פאַרמאָגט ערטערווייז אַ שטאַרקע דראַמאַטישע אַקציע, וואָס דערגייט אין דריטן אַקט צו אַן אויפּטרייסלענדיקער מאַסן־סצענע. זי איז אָבער קורץ־אָטעמדיק. דער דיאַלאָג באַשטייט פון אָנדייטונגען, וואָס פּילן נישט אויס די אַקציע. און הגם די פּיעסע האָט אַ שטאַרקע אידעיִשע אָנלאָדונג, זי איז שטורעמדיק אַנטי־חסידיש און, מען קאָן זאָגן אַנטי־רעליגיעז (להיפוך צו דער „גאָלדענער קייט״, ווו עס איז שוין דאָ אַן עסטעטיזירנדיקע אידעאַליזאַציע פון חסידיזם), זענען די געשטאַלטן אַזוי ווייניק סצעניש מאָטיווירט (אַחוץ דער געשטאַלט פון ישראל דעם גבאי, וואָס וואַקסט אויס צו אַ צענטראַלער נעגאַטיווער פיגור אין דער פּיעסע), אַז זיי ווערן סכעמעס, נישט קיין לעבעדיקע בינע־געשטאַלטן. די שפּעטערדיקע באַאַרבעטונגען האָבן נאָך פאַרגרעסערט די סכעמאַטישקייט פון די געשטאַלטן. דאָס באַאַרבעטן די פּיעסע אין פּערז האָט פאַרשטאַרקט די דיכטערישע וואָג פון „די גאָלדענע קייט״, אָבער נאָך מער אָפּגעשוואַכט אירע סצענישע

ווערטן. ריכטיק איז אין דעם פּרט די אָפּשאַצונג, אַז „פּרצס „די גאָלדענע קייט", ביי אַלע אירע גרויסע מעלות, איז דאָך אַ נישט־דערמאַכט ווערק, איז מער שטאָף צו אַ גרויסער טראַגעדיע, ווי די טראַגעדיע אַליין", (דוד פּינסקי „דאָס יידישע דראַמאַ").
אויב מיר וועלן נאָך נעמען אין אַכט, אַז די באַאַרבעטונגען זענען געמאַכט געוואָרן בעת פּרצס דעפּרעסיע־שטימונגען (נאָכן דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע פון 1905 יאָר) בעת דער פאַרשטאַרקטער רעאַקציע אין רוסלאַנד, וועט אונדז פאַרשטענדלעך ווערן די אָפּשוואַכונג פון דעם אויפרייסערישן, וואָס איז געווען אין „נסיון". אגב דריקט זיך פּרץ אַליין אויס וועגן „נסיון" (אין זיין בריוו צו פּינסקין): „איך האָב נאָר שלעכט אויסגעפירט מיין פּלאַן, ווייל איך האָב גענומען צו ליטעראַריש און צו ווייניק סצעניש". דאָ ליגט טאַקע דער סוד פון דער שוואַכקייט פון פּרצס דראַמאַטישע ווערק: זייער ליטעראַרישע פּאַרטראַכטונג און מאַנגל אין סצענישער אויספורעמונג. דאָס איז די שוואַכע זייט פון „פּאַליש אויף דער קייט", פון „וואָס אין פידעלע שטעקט" שוין אָפּגערעדט פון דער גאַר שוואַכער — סיי סצעניש, סיי ליטעראַריש — „אַמאָל איז געווען אַ מלך".

די שטאַרקסטע פון אַלע פּרצס דראַמאַטישע ווערק, — אין זין פון פאַנטאַזיע און אויספילן מיט סצענישער דינאַמיק, — איז „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק". אָבער צי קאָן די זאַך אָנגערופן ווערן אַ סצעניש ווערק אין פולן זין פון וואָרט? עס איז אַן אויסגוס פון דיכטערישע וויזיעס, כמעט נישט־געבונדענע מיט זיך, אַן אַן אָנוווקס, אָן אַ שטייגערונג — „אַ טרוים פון אַ פיבער־נאַכט", ווי דער דיכטער רופט עס אַליין אָן. איז עס געוואָרן אַן אידעאַלער שטאָף פאַר אַלערליי פאָרם־עקספּערי־מענטן, וואָס זענען טאַקע אין זייער צייט אַדורך מיט גרויס דער־פאָלג, ווי די פאַנטאַסטישע סצענישע קאָמפּאָזיציע פון

אַלעקסאַנדער גראַנאָווסקי אין מאָסקווער יידישן קאַמער טעאַטער אָדער דוד הערמאַנס מאַקאַבריש־מיסטישע גייסטער־שפּיל ביי דער „ווילנער טרופּע". אָבער עס איז נישט געוואָרן קיין שטאָף פאַר דעם גרוי־רעאַליסטישן יידישן טעאַטער, וואָס האָט אָנגע־הויבן צו ווירקן טאַקע אין יענע יאָרן פון פּרצס שאַפן.

אויך „אין פּאָליש אויף דער קייט" האָט דערלעבט (נאָך פּרצס טויט) פאַרשידענע אויפפירונגען, אין פאַרשידענע וואַריאַנטן פון באַאַרבעטונגען, סיי אין אייניקע טעאַטערס אין ראַטנפאַרבאַנד, סיי אין אייניקע אַנדערע לענדער פון דער יידישער וועלט. אָבער „אין פּאָליש אויף דער קייט" האָט אַ געגנוג קלאָרן און איינדייטיקן אויסקלאַנג: דעם רעוואָלט קעגן די קייטן, קעגן דעם פּענטען אין קייטן. דאַקעגן די לויזע קאָנסטרוקציע פון „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" האָט דערמעג־לעכט דאָס ווערק אַזוי פאַרשידנאַרטיק אויסצוטייטשן און אַזוי פאַרשידן אַריינצוטייטשן אין דעם, אַז דאָס זענען געוואָרן פאַרשידענע ווערק. אין ראַטן־פאַרבאַנד האָט מען עס, פון איין זייט, אויסגעטייטשט אַלס פּרצס באַציונג צום „אונטערגייענדיקן אַלטן יידישן לעבנס־שטייגער"; פון דער אַנדערער זייט האָבן לינגוויסטישע קריטיקער פון די „ראַפּפּאָווצעס" געזען אין דעם ווערק אַ בולטן אויסדרוק פון פּרצס „רעאַקציאָנערישקייט", אַרויסגייענדיק כמעט פון דער זעלבער הנחה (נייערט מיט אַן אַנדער אויסטייטש) ווי. ש. ניגער, וועלכער האָט אַרויסגעהויבן פון „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" (גראַד, ווי פון אַ צאָל אַנדערע פּרצס ווערק פון יענער תקופה) דעם רוף „אין שול אַריין", מיט וועלכן דער בדחן פאַרענדיקט די פּיעסע.

אָבער ווען מען באַקענט זיך נעענטער מיט דער דראַמאַ־טישער טעכניק פון פּרצן (אָדער ריכטיקער — מיט זיינע דראַמאַטורגישע אימפּראָוויזאַציעס) — באַזונדערס פון זיינע

געפּערזטע דראַמאַטישע ווערק — איבערציגט מען זיך, אַז דער דיאַלאָג, מיט זיין אָפּטמאָל סימבאָלישער לאַקאָנישקייט, איז נאָך נישט אַלץ אין זין פון סצעניש׳ער (און טאַקע אידעיש׳ער) וואָג. די דיכטערישע קיצורים און סימבאָלן פון פּרצס דיאַלאָג ווערן געבונדן און אויסגעטייטשט מיט דעם מחברס באַמער־קונגען, די אַזוי גערופענע רעמאַרקעס, און נאָך דעם רוף „אין שול אַריין!... אין שול...״ (ווי פאַרשטיקט אין מיטן פון אַנדערע כוחות, אָדער שטימונגען), קומט טאַקע אין „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״ דעם דיכטערס רעמאַרקע: „די פאַבריק הייבט אָן פייפן און פאַרטויבט אַלץ און אַלע״. און דאָס איז דעם דיכטערס לעצט וואָרט, זיין לעצטער רוף, דער אויסקלאַנג פון זיין פּיעסע. „די פאַבריק״ באַדייט אין פּרצס לאַקאָנישן סטיל — די אַרבעטנדיקע וועלט, וואָס „פאַרטויבט אַלץ און אַלע״, פאַרטויבט די שטימען פון אַלטן מאַרק און פאַרשטיקט דעם בדחנס רוף „אין שול...״, ווייל נישט געקוקט אויף זיינע גרויסע אַנטוישונגען און אידעיש׳ער דעפּרעסיע פון יענע יאָרן, האָט פּרץ נישט אויפגעהערט צו גלויבן אין אַרבעטער, אין דעם פאָלקס־מענטש. און אויב מיר וועלן די רעמאַרקע נאָך פאַרבינדן מיט די געשטאַלטן פון „פאַרהונגערטער אַרבעטער״, „בלינדע זעצערין״, „געהאָנגענער גאַרבער״, „געקעפּטער גאַרבער״ — אַלץ פּאָזיטיוו־קעמפערישע העלדן פון דער מאַקאַברישער געשטאַלטן־גאַלעריע, וועלכע דער דיכטער פירט אַרויס אויפן אַלטן מאַרק — וועט ערשט דאַן גאָר בולט ווערן, ווי פאַלש עס זענען די פּרוּוון, אָנצובינדן פּרצן, דעם וועקער, דעם שטורמער פון פינצטערניש און רעליגיעזער אָפּגעשטאַנענקייט, דעם קעמפער קעגן קלעריקאַליזם און אַגרעסיוון קלער — אים אָנצובינדן „רעאַקציאָנערע״, אָדער „קלעריקאַלע״ טענדענצן.

אַזעלכע אָנבינדונגען און פאַלשע פאַרבינדונגען זענען אויך געווען אַ גרויסער גורם פון דער טראַגעדיע „פּרץ, דער דראַמאַטורג״.

## VIII

# פֿאַרערער און אויסטייטשער

עס איז קלאָר, אַז אַ פּערזענלעכקייט פֿון דעם פֿאַרנעם ווי י. ל. פּרץ, אַ מענטש מיט אַזאַ מאַגנעטישער ווירקונג־קראַפֿט און אַ שעפֿערישע נאַטור פֿון אַזאַ מקורדיקן כאַראַקטער, איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ קרייז פֿון פֿאַרערער, פֿאַרהערלעכער, פֿאַרגעטערער. דאָס איז אַ נאַטירלעכע דערשיינונג, וואָס איז אָפֿט מאָל משפּיע גאָר צום גוטן, ס׳קאָן אָבער אַמאָל ווירקן אין אַ פֿאַרקערטער ריכטונג אויך. אין דעם קאַפּיטל „פּרץ און טעאַטער" האָט עס, דוכט זיך, געווירקט נישט צום גוטן.

אויב מען וועט נעמען דעם נישט־צערייסלעך צונויפֿגעבונדענעם מיט פּרצן יעקב דינעזאָן — איז ער בכלל געווען אָן דער מינדסטער מאָס קריטיציזם צו אַלץ, וואָס פּרץ האָט געשאַפֿן. ער האָט געהאַלטן פֿאַר זיין חוב — אָן פּרצס וויסן, הינטער פּרצס פּלייצעס — צו דערליידיקן פֿאַר פּרצן פֿאַרשידענע אָפּמאַכן וועגן פּרצס שוין געשאַפֿענע און אַפֿילו נאָך נישט אָנגעהויבענע ווערק. דאָס האָט ער געטון מיט רעדאַקטאָרן, פֿאַרלעגער און אויך טעאַטער־דירעקטאָרן. דיקטירנדיק מיר אירע זכרונות וועגן י. דינעזאָנען, האָט מיר אסתּר־רחל קאַמינסקאַ (אַ קורצע צייט פֿאַר איר טויט) דערציילט, ווי י. דינעזאָן האָט איינגעלייגט וועלטן, אַז פּרצס סצענישע ווערק — איינאַקטערס, שפּעטער „דער נסיון" — זאָלן אויפֿגעפֿירט ווערן אין פּראָפֿעסיאָנעלן יידישן טעאַטער, נישט געקוקט אויף דעם שפּלדיקן מעמד פֿון טעאַטער

אין יענע יאָרן, אַ קורצע צייט נאָך זיין ערשטער לעגאַליזאַציע אין וואַרשע (1905—1906).

דינעזאָן האָט בכלל נישט געהאַט קיין גרויסע תרעומות צום יידישן טעאַטער. אויב יאָ, איז סיידן דערפאַר, וואָס ער האָט אָנגעהויבן אוועקצוגיין פון גאָלדפאַדענישן מקור, וואָס איז געווען דינעזאָנען שטאַרק צום האַרצן. אגב, איז אויב פּרצן גאָלדפאַדען געווען מער צום האַרצן, ווי זיינע נאָכגייער, ווי גאָרדין אַפילו (פּרץ האָט געהאַלטן, אַז גאָרדין געפינט זיך אויף דער גרענעץ צווישן שונד און קונסט און מן־הסתם נוטה געווען צו זען אים מער אויף דער זייט פון שונד). פּרצס פאַרליבטקייט אין אַלץ, וואָס איז געווען פאָלקסטימלעך, האָט טאַקע אויפגעגומען דאָס פּרימיטיוו־פאָלקסטימלעכע פון גאָלדפאַדענען, געפינענדיק אין דעם אַ קוואַל פון ריינסטער יידישקייט, וואָס איז אים געווען אַזוי טייער, אין דער צייט ווען ביי גאָרדינען, האָט ער געהאַלטן, זענען דאָ רוסישע לעבנס־קאָנפליקטן, רוסישער דראַמאַטיזם, אין יידישע קאַפּאָטעס. דערביי האָט ער פאַרזען, אַז דער רוסישער ייד, וועגן וועלכן גאָרדין האָט צום מערסטן געשריבן, איז טאַקע געווען אין אַ גרויסער מאָס רוסיפיצירט אין זיין כאַראַקטער און במילא זענען ביי אים פאָרגעקומען לעבנס־קאָנפליקטן ענלעכע צו די רוסישע. דינעזאָן איז נישט געווען אינגאַנצן מסכים מיט פּרצס נעגירן גאָרדינען, ס'איז אָבער אַ צווייפל, צי ער האָט ווען עס איז אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג, וואָס זאָל פּאָלעמיזירן מיט פּרצס שטעלונג.

אַ צווייטער פאַרערער — און פאַרהערלעכער — פון י. ל. פּרצן, וואָס האָט געהאַט אַ באַזונדערע השפּעה אויף אים ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן טעאַטער־פראַגן, איז געווען דער שרייבער־דראַמאַטורג א. ווייטער.

ווייטער איז אין די יאָרן פון פּרצס טעאַטער־אַקטיווקייט —

נאָך די יאָרן פון זיין דראַמאַטורגישער שעפערישקייט — געווען אין וואַרשע, כסדר פאַרקערט אין פרצס סביבה און געווען טאַקע דער מאָטאָר פון אַלע דעמאָלטיקע שטורמישע ידישע טעאַטער־פּרוון, וואָס האָבן געשטאַמט פון וואַרשע, געווען פאַרבונדן מיט פרצן (די טעאַטער־אַקציעס פון דער „ליטעראַרישער געזעלשאַפט”, ווו פרץ איז געווען פאָרזיצער; די שפּעטער געגרינדעטע „טעאַטער־געזעלשאַפט”).

אַ פאַרערער, וואָס האָט געפרווט סצעניש רעאַליזירן פרצס שאַפונגען איז געווען דער דאַן יונגער רעזשיסער דוד הערמאַן, וועלכער איז, אגב, ביז זיין טויט געטריי געבליבן דעם פרץ־גייסט און פרץ־אַטמאָספער (באַזונדערס — דער פויליש־ידישקייט פון פרצן). און אַ פאַרערער־אויסטייטשער פון פרצן (אָבער אַזאַ, וואָס האָט אָפּט מאָל געוואַגט נישט מסכים צו זיין און צומאָל צו קריטיקירן) איז געווען דער דאַן אָנפאַנגנדיקער טעאַטער־קריטיקער ד״ר י. מוקדוני.

ד״ר מוקדוני האָט טאַקע געהאַלטן, אַז פרץ איז געווען „דער עמוד האש פון דער יידישער ליטעראַטור”; ער איז געווען שטאַרק אונטערן רושם פון פרצס פערזענלעכקייט, באַטייליקט זיך אין אַלע פרצס טעאַטער־פאַרמעסטן פון יענע יאָרן (אַפילו אייניקע פון אַזעלכע פאַרמעסטן אינספּירירט — אַליין אָדער מיט אַ וויטערן), פונדעסטוועגן שטעלט ער פעסט, אַז „י. ל. פרץ איז סוף כל סוף געווען נישט מער ווי אַ פיינער דילעטאַנט אין דער טעאַטער־קונסט. פאַר אים איז טעאַטער געווען בלויז די דראַמע, ווייטער זענען זיינע טעאַטראַלע השגות נישט געגאַנגען” („אין וואַרשע און אין לאָדזש”, באַנד 2).

אָבער אין אַנדערע ערטער (אין ערשטן באַנד פון זיינע זכרונות) שרייבט ער: „אַ ווייטיקדיק אָרט אין זיין וווּנדערלעכער קאַריערע איז געווען די דראַמע זיינע. ער האָט זיינע דראַמעס

געטון און איבערגעשריבן און איבערגעמאַכט אַפילו נאָך דעם, ווי זיי זענען שוין געווען געדרוקט".

„ער האָט קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס קאָן מען זיי נישט אויפפירן און פאַרוואָס קוואַפּעט זיך נישט קיינער אויף זיי".

ד"ר מוקדוני פּרווט עס אַפילו צו פאַרענטפערן דערמיט, אַז „ער האָט זיך נישט געקאָנט צופּאַסן צו די אָנגענומענע דראַמאַטישע פאָרמען; ער האָט זיי עפּעס נישט געקאָנט באַהערשן". ער קומט דערביי צום אויספיר, אַז די איינציקע באמת רייפע סצענישע זאַך פון פּרצן איז געווען „די גאָלדענע קייט". נייערט אויך דאָ איז ער נישט אינגאַנצן שווה בשווה מיט פּרצן, שרייבנדיק (ווידער אין 2־טן באנד „אין וואַרשע און אין לאָדזש"): „פּרץ האָט געוואָלט זען זיך, ד. ה. זיין ראָמאַנטישן שריפטשטעלערישן „איך" אויף דער סצענע. זיין „גאָלדענע קייט" איז געווען פאַר אים נישט סתם א דראַמע, נאָר אַ טעאַטער־פּראָגראַם, אַ טעאַטער־ריכטונג".

ובכן — ווידער „די גאָלדענע קייט". דאָס נעמט זיך מן־הסתם דערפון, וואָס אין דער צייט ווען ד"ר מוקדוני איז געקומען קיין וואַרשע, איז גראָד פּאַרטיק געוואָרן ביי פּרצן דער נייער וואַריאַנט פון „די גאָלדענע קייט" און עס איז נאַטירלעך, אַז דער דראַמאַטורג האָט געוואָלט זען זיין ווערק אויף דער בינע. עס האָבן געוואָלט דאָס זעלבע (און אפשר נאָך שטאַרקער פון אים) זיינע מקורבים־פאַרערער. דערפון קומט טאַקע דער פּלאַן פון אויפפירן „די גאָלדענע קייט" בעת די גאַסטשפּילן פון דער פּרץ־הירשביין־טרופּע אין וואַרשע.

אין ד"ר מוקדוניס ווערסיע זעט עס אויס אַזוי: „די טרופּע האָט געוואָלט פאַר די צען טעג פון אירע גאַסטשפּילן צוגרייטן אַן אויפפירונג פון י. ל. פּרצס „די גאָלדענע קייט"... „עס איז

שוין אפילו אנאָנסירט געוועז די אויפפירונג, אָבער פרץ האָט אין די לעצטע צוויי טעג געווירקט, אַז מען זאָל עס אָפּרופן" (צווייטער באַנד). און דער באַרימטער יידישער אַרטיסט יעקב בן־עמי, וועלכער איז געוועז איינער פון די זיילן פון דער הירשביין־טרופּע, האָט מיר דערציילט די זאַך אינגאַנצן אַנדערש:

ווען ס'האָט געהאַלטן זייער שמאָל מיטן הירשביין־אַנסאַמבל אין אָדעס, איז פרץ הירשביין אַראָפּגעפאָרן קיין וואַרשע, מיינענדיק, אַז ער וועט קאָנען באַקומען הילף פון דער דאָרטיקער „ליטעראַרישער געזעלשאַפט". אין וואַרשע האָט א. ווייטער מסכים געווען איבערצונעמען די אַפּוטרופּסות איבער די גאַסטשפּילן בתנאי, אַז בעת די גאַסטשפּילן זאָל אויפגעפירט ווערן י. ל. פרצס „די גאָלדענע קייט". ווען די טרופּע איז געקומען קיין וואַרשע און זיך באַקענט מיט דעם ווערק, האָבן זיי ערשט דאַן געזען, אַז דאָס איז אַן אוממעגלעכקייט. ערשטנס איז דער אַנסאַמבל געווען צו קליין און ווייניק צוגעפּאַסט פאַר די ראָלן; צווייטנס — האָבן די אַקטיאָרן זיך נישט געוואָלט אונטער'נעמען אין משך פון 10 טעג פון זייערע וואַרשעווער גאַסטשפּילן, איינצושטודירן אַזאַ קאָמפּליצירטע פאַר זיי פאַר־שטעלונג.

נישט אויסגעשלאָסן איז אויך, אַז ווען פרץ האָט דערזען די טרופּע שפּילן (און זי האָט נישט געמאַכט קיין שטאַרקן רושם, נישט קאָנענדיק קאָנקורירן מיט די יוסטע אַקטיאָרישע טאַלאַנטן, וואָס וואַרשע איז געוווינט געווען צו זען אויף דער יידישער בינע), האָט ער זיך איבערצייגט, אַז זי איז נישט רייף פאַר זיין „די גאָלדענע קייט"...

און „די גאָלדענע קייט" האָט ד"ר מוקדוני געהאַלטן פאַר „די איינציקע דראַמע, וואָס האָט זיך פולשטענדיק אים

איינגעגעבן״. ווייל אין זיין „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק״ זאָל ער האָבן געוואָלט אויספּרובירן די פֿאָרעם פֿון דער פּוילישער דראַמע „וועסעליע״ („אין וואַרשע און אין לאָדזש״, באַנד 1). דאָס איז, אגב, געווען אַ שטאַרק־פֿאַרשפּרייטע מיינונג. אָבער ווען מען זאָל אַפֿילו מסכּים זיין, אַז „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק״ איז געשאַפֿן געוואָרן דירעקט אונטער דער השפּעה פֿון וויספּיאַנסקיס „וועסעליע״, מוז מען פֿעסטשטעלן, אַז פּרץ איז אין זיין פּיעסע געווען פֿיל ברייטער, ווי וויספּיאַנסקי אין פּרט פֿון פּראָבלעמען אַוועקשטעלן, אַ סך אַלמענטשלעכער פֿון אים — ביי דער טיפֿער יידישקייט פֿון „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק״ (אַזוי ווי פֿון אַלע פּרצס ווערק). פּרץ האָט אין זיין דראַמאַטורגיע אַריינגעפֿירט בולטע רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן.

די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן פֿון פּרצס דראַמאַטישע ווערק ענדערן נאָר נישט דעם פֿאַקט פֿון זייער קליינער בינע־פֿעיִקייט. די קליינע בינע־פֿעיִקייט נעמט זיך דערפֿון, וואָס פּרץ האָט זיינע דראַמאַטישע ווערק אויסגעדיכטעט, אויסגעטרוימט, אויסגעפֿיבערט. ער האָט זיי אָבער נישט אויסגעבויט. אַ סצעניש ווערק, אחוץ דער אָנלאָדונג פֿון דיכטערישער פֿאַנטאַזיע, איז אַן איינגאַרטיק געבוי, וואָס זיינע פֿונדאַמענטן זענען — די האַנדלונג, די אַקציע; די ווענט און זיילן — די געשטאַלטן; דער רויִ־שטאָף — דער דיאַלאָג. די קרוין פֿון בנין איז דער דאַך זיינער: די אידעע, דער „פֿאַרוואָס״ און „מיט וואָס״ דער דיכטער קומט צום טעאַטער־עולם. דיכטערישע פֿאַנטאַזיע, אין דער פֿאָרעם פֿון סצענישע וויזיעס, איז ביי פּרצן געווען אָן אַ שיעור; די קרוין איז אין פּרצס דראַמאַטישע ווערק שטענדיק געווען (ווי בולטער, ווי פֿאַרנעפּלטער) — דרייסט און שטורעמדיק; די זיילן — די געשטאַלטן, וואָס זענען אין פּרצס דערציילונגען אַזוי פֿעסט און קערנדיק, — זענען אין די דראַמאַטישע ווערק

שוין אָרעמער, צוגעטראָכטער; דער רוי־שטאָף — דער דיאַלאָג, וואָס איז אין אַזאַ שפע צעזייט אין פּרצס אַלע ווערק, אַזוי קערנדיק און ווירקנדיק, איז דווקא אין די דראַמאַטישע ווערק קאַרגער, באַגרענעצטער; דער פונדאַמענט — דער יסוד פון סצענישן געבוי — איז דער שוואַכסטער.

זיין שעפערישער אומרו האָט אים אויפגעצוווּנגען אַ ראַשיקע פּיבערדיקייט אין שאַפן און נישט קיין באַזאַכטע דורכגע־טראַכטקייט.

דאָס איז געווען דער עיקר־גורם פון די אַנטוישונגען, וועלכע עס האָט איבערגעלעבט י. ל. פּרץ דער דראַמאַטורג.

IX

# אויף מיין וועג...

און דאָך האָט פּרץ, אין אַלע פאָרמען פון זיינע טעאַטראַלע פאַראינטערעסירונגען, אויסערגעוויינלעך באַרייכערט דאָס יידישע טעאַטער!

ווי קומט עס? — דאָס איז דער סוד פון השפּעה פון דער גרויסער פּערזענלעכקייט, — דער פונק, וואָס האָט געקאָנט אָנצינדן, באַגייסטערן.

מיט זיינע טעאַטער־רעצענזיעס, וואָס זענען נישט געווען קיין פאַכמענישע אָפּהאַנדלונגען, נייערט שאַרפזיניקע, גייסט־רייכע פאַרצייכענונגען און איינדרוקן, — האָט ער געלערנט און דערצויגן; מיט זיינע אַרויסטריטן און אַקציעס האָט ער געוועקט די עפנטלעכע מיינונג אַרום יידיש טעאַטער, געמאָנט באַציונג און פאַראינטערעסירונג צו אים. נישט געקוקט אויף די אָפּט מאָל סתירותדיקע מיינונגען וועגן טעאַטער און זיינע וויכטיקסטע שעפּער (גאָלדפאַדען, גאָרדין), וואָס זענען פאַראַן אין פּרצס פאַרשידענע אַרויסזאָגונגען, האָט ער דערזען די וויכטיקייט פון זייער אויפטו, רופנדיק צו דער ווייטערדיקער פאַרשענערונג און פאַרטיפונג פון דער אינסטיטוציע, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר איינע פון די וויכטיקסטע אין יידישן קולטור־לעבן. ער האָט ביי יעדער געלעגנהייט אַרויסגעוויזן זיין געוואַלדיקע אויפמערקזאַמקייט צו דער אינסטיטוציע (אין אַ בריוו צו י. דינעזאָנען פון זאַקאָפּאַנע, אין יאָר 1907, שרייבט ער אין שייכות מיט אַ בראָשור „קליידונג און שמוק אין ביבלישן און תלמודישן

שריפט": „אויב דו טרעפסט זיך מיט קאַמינסקי, ראָט אים, ער זאָל זיך די בראָשור פאַרשאַפן. די טראַכט איז זייער גוט באַשריבן, זי איז ביליק און לייכט צו באַזאָרגן". (מ״ח״ל: „בריוו און רעדעס פון י. ל. פרץ")

„פאַרוואָס מוזן יידישע טאַלאַנטן שפּילן „בר־כוכבא" און „אשה־רעה?" — רופט ער אויס מיט פאַרביטערונג („דער טאָג").

„קונסט איז די נשמה פון פאָלק, די נאַציאָנאַלע פערזענ־לעכקייט. די מענטשלעכע קונסט וועט ערשט באַשאַפן ווערן מיט דער מענטשהייט צוזאַמען; דערווייל עקזיסטירט זי נישט" („וואָס פעלט אונדזער ליטעראַטור?") — צו אַזאַ אויספיר איז געקומען דער אַזוי פיל מאָל אַנטוישטער, פאַרביטערטער, אָבער נישט רעזיגנירטער פרץ.

זיין גרויסקייט איז באַשטאַנען אין דערזען דאָס שלעכטע און אין פלאַמיקן רוף עס צו ענדערן. אויך אינעם פרט פון יידישן טעאַטער.

נישט געקוקט דערויף, וואָס פרצס דראַמאַטורגישע ירושה — אַלס אַזאַ — האָט איצט אַ קליינעם אַקטועלן ווערט (און וואָס האָט איצט יאָ, אייגנטלעך, אַן אַקטועלן ווערט אין יידישן טעאַטער?), איז אָבער זיין גאַנצע ליטעראַרישע ירושה אַ קוואַל פון דראַמאַטורגישן מאַטעריאַל פאַרן טעאַטער. פאַר דעם טעאַטער פאַר וועלכן פרץ האָט געקעמפט. צוליב וועלכן ער האָט איבער־געלעבט אַזעלכע ווייטיקלעכע אַנטוישונגען און וועלכן ער האָט באַשאַנקען מיט אַזוי פיל דערהויבונגען.

דאָס איז טאַקע געווען די שטויס־קראַפט, וואָס האָט מיך געפירט בשעתו — ווען ס׳איז געפייערט געוואָרן דאָס 100־סטע געבוירן־יאָר פון פרצן — צו אַ פּרווו פון באַאַרבעטן דראַמאַ־טורגיש דעם פרץ־מאַטעריאַל. צוזאַמען מיט נתן מייסלערן האָב

איך דאָן (אין פוילן) געמאַכט די „סצענישע קאָמפּאָזיציע" לויט י. ל. פרץ — „אַמאָל איז געווען".

אונדזער כוונה איז געווען צו געבן אַ סצעניש לעבן דער רייכער גאַלעריע פון די פרץ־געשטאַלטן און אויסצובויען פון פאַרשידענע אַקציע־פראַגמענטן — מיט דער הילף פון דעם זאַפטיקן און אַזוי שאַרף־ווירקנדיקן פרץ־דיאַלאָג — אַן איינהייטלעכע האַנדלונג, וואָס זאָל אָפּשפּיגלען די תקופה און די פּראָבלעמען פון יענער צייט. פרץ־דראַמאַטיזאַציעס זענען טאַקע נישט געווען קיין נייעס (אין אַמעריקע: מאָריס שוואַרץ, מלך ראַוויטש, דוד ליכט; אין ראַטן־פאַרבאַנד — ליפע רעזניק א. אַ.) מיר האָבן אָבער געוואָלט אַרויסהייבן איין גאָר וויכטיקן אידעיִש־קינסטלערישן עלעמענט פון פרצס שאַפן: דעם קאַמף פאַרן דערוואַכן און באַפרייען די יידישע פרוי. מיר האָבן עס געטון דורכן פּלאַסטישן און פאַרטיפטן שילדערן איר טראַגעדיע — און דאָס אַרומגעבויט מיט געשטאַלטן פון שטעטל, מיט די קאָנפליקטן פון יענער צייט. די וויכטיקסטע עלעמענטן פון דער קאָנסטרוקציע זענען געווען: „אין אַ קעלער־שטוב", „שוועסטער", „די דריי נייטאָרינס", „ס'ברענט", „מוסר" און פון דעם איז אויסגעוואַקסן (כאָטש מיר האָבן נישט צוגעגעבן קיין איין פּראָזע צו פרצס דיאַלאָג) אַ גענוג איינהייטלעכע און שטימונגספולע סצענישע זאַך. מיר האָבן אויך אַריינגעפירט אין דער זאַך די אַטמאָספער פון 1905 — שטרייק און רעוואָלוציע־שטימונגען — אַזוי ווי זיי זענען פאַראַן אין פרצס ווערק.

דאָס איז אָבער געווען צו ווייניק פאַר די אויפּזעערס איבער דער פּאָליטישער כשרות פון יידישן מלוכה־טעאַטער אין פוילן און מען האָט אונדז געצוווּנגען צוצושרייבן „סאָציאַליסטישע" סצענעס, צו וועלכע מיר האָבן זיך באַדאַרפט באַנוצן מיט טעקסטן פון פרצס פּובליציסטיק. דערמיט האָט מען געמיינט „קינסט־

לעריש״ צו כשרן די גוואַלדטאַט איבערן פרץ־מאַטעריאַל. אָבער עס איז דאָך נאַטירלעך, אַז די פּובליציסטיק (כאָטש זי איז אויך געווען פרצס) האָט זיך געביסן מיטן בעלעטריסטישן טעקסט און די פּלאַקאַט־סצענעס — מיט דער קינסטלערישער אַטמאָספער פון פרצס ווערק. און וויפל דער רעזשיסער (נתן מייסלער) האָט זיך נישט באַמיט צו דערפירן צו אַ „קאָעקזיסטענץ״ פון קינסטלערישן דיאַלאָג מיט דער פּובליציסטיק, איז אַלץ געווען אַנזעעוודיק אין דער פאָרשטעלונג דער ריס צווישן די צוויי עלעמענטן. אַגב, בעת אַ באַנייונג פון דער פאָרשטעלונג מיט אייניקע יאָר שפּעטער — שוין נאָך סטאַלינס טויט — ווען ס׳איז מילדער געוואָרן דער דרוק אויף אַלע געביטן פון לעבן אין פּוילן און אויך אין טעאַטער, זענען אַ סך פּלאַקאַט־טיילן באַזייטיקט געוואָרן פון דער פאָרשטעלונג און זי האָט דערפון געוווּנען אין פּרט פון ווירקונג און אַפילו — אויסווירקונג.

מיר האָבן שוין דאָן אויסגעצייכנט געפּילט, ווי קינסטלעריש פאַלש דער צוגאַנג פון „פּאָרפּאָליטיזירן״ איז און וויפל עס פאַרלירט דערביי דאָס פרצישע. מיר האָבן אָבער — טאַקע אין אונדזער פאַרערונג צו פרצן — געמיינט, אַז מיר וועלן כאָטש אין אַ געוויסער מאָס געבן אַ תיקון דעם טעאַטראַלישן אין פרצס ווערק, אין שייכות מיט זיין הונדערטסטן געבוירן־יאָר. און דווקא אַ ביסל זענען מיר מצליח געווען. מיר האָבן געלאָזט קומען צום וואָרט די פרץ־געשטאַלטן, די פרץ־אַטמאָספער, כאָטש דאָס איז ערטערווייז ברוטאַל צעשטערט געוואָרן דורך דער אַריינמישונג פון דער „באַשטעלונג״.

פאַר מיר פּערזענלעך איז די אַרבעט איבערן פרץ־מאַטעריאַל געווען ווידער אַ באַשטעטיקונג פון דער סטימולירנדיקער ווירקונג פון פרצן — פון פרצן, דעם וועקער. עס האָט דערוועקט אין מיר שעפערישע אַמביציעס און אַ קאַמפּס־

לוסט, וואָס האָט זיך שטאַרק געלאָזט פילן אין די וויכוחים מיט די נישט־אָפיציעלע (און איינער איז אַפילו געווען אַן אָפיציעלער...) צענזאָרן, וועלכע האָבן געוואַכט איבער די גייסטיקע און געזעל־שאַפטלעכע אויסדרוקן פון די רעשטלעך יידן אין נאָכמלחמהדיקן פוילן. פון די, וואָס האָבן נאָך געלעבט אין דער אַטמאָספער פון פּרצן און געפּיאָסטעוועט אַ שטאַרקן קולט פאַר אים — נישט בלויז בעת די אָפיציעלע אַזכרותביים „אהל־פּרץ" אויפן גענשער בית־עולם, נייערט טיף אין האַרצן און אין געמיט.

עס האָט זיכער נישט קיין ספּעציעלע היסטאָרישע באַדייטונג, די אויפפירונג פון „אַמאָל איז געווען" — כאָטש דאָס איז, דוכט זיך, געווען די איינציקע ערנסטע פּרץ־אויפפירונג אין די נאָכמלחמה־יאָרן און די איינציקע פּרץ־אויפפירונג אין נאָכ־מלחמהדיקן פוילן. זי האָט אָבער פאַר מיר געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג, ווי דער וויכטיקסטער פּרץ־עטאַפּ אויף מיין שפּעטערישן וועג. אַ קליינער צושטייער דערצו זענען אויך די אייניקע ראַדיאָ־הערשפּילן פון פּרצס טעקסטן, וועלכע איך האָב באַאַרבעט און רעזשיסירט פאַר „קול ציון לגולה" און „קול ישראל" אין יידיש — טאָ זאָל עס אויך דערמאָנט ווערן צו דער 50־סטער יאָרצייט פון י. ל. פּרץ.

X

# פראַגמענטן פון אַ דערציילונג

דאָס פאָלגנדיקע קאַפּיטל „דינעזאָן און פּרץ“ איז פון מיין בוך „די מאַמע אסתר רחל“. דאָס זיבעטע קאַפּיטל פון דער דאָזיקער ביאָגראַפישער דערציילונג וועגן דעם לעבן פון אסתר רחל קאַמינסקאַ, הייסט טאַקע „דינעזאָן און פּרץ“ און גרעסערע פראַגמענטן פון דעם קאַפּיטל קאָנען אין אַ בעלעטריזירטער פאָרם אילוסטרירן די טעמע: י. ל. פּרץ און דאָס יידישע טעאַטער.

פונעם אָריגינעלן קאַפּיטל זענען אויסעלימינירט געוואָרן די פראַגמענטן, וואָס האָבן נישט קיין דירעקטן שייכות צו פּרצן, כדי די גאַנצקייט זאָל זיך באַקומען געפּרעסטער. די גאַנצקייט — אויסגעבויט אויפן סמך פון אויטענטישע מאַטעריאַלן און פאָסירונגען (וועגן וועלכע ס׳האָט מיר דערציילט, דיקטירנדיק אירע זכרונות וועגן דינעזאָנען, אסתר רחל קאַמינסקאַ, אָדער מאַטעריאַלן געזאַמלטע צו מיינע ביכער „יידיש טעאַטער אין פּוילן“, „די מאַמע אסתר רחל“ און צו דער אַרבעט „י. ל. פּרץ פוןביידע זייטן ראַמפּע“, וואָס איז דערשינען אין אַ פּרץ־זאַמל־בוך), איז אויסגעבויט געוואָרן אויף די רעכט פון בעלעטריסטישער פיקציע, צונויפפירנדיק געשעענישן פון איין צייט־אָפּשניט, מיט אַנדערע. במילא ווערט נישט גאָר פּינקטלעך אָפּגעהיט די כראָנאָלאָגיע פון די געשעענישן און באַגעגענישן. דאָס גאַנצע קאַפּיטל איז אַרויסגעקומען מער צונויפגעפּרעסט און עס זענען צונויפגעפירט געוואָרן אויטענטישע מיט פיקטיווע עפּיזאָדן. עס

גיט אָבער אַ געגוג בולטע אָפּשפּיגלונג פונעם אָנהייב פון די באַציִונגען פון י. ל. פרץ מיטן פּראָפעסיאָנעלן יידישן טעאַטער, זיינע באַמיִונגען צו ווירקן צום אויסבעסערן דאָס דאָזיקע טעאַטער און די אַנטוישונגען, וואָס ער האָט דערביי געהאַט.

געוויסע איבערחזרונגען פון שוין פריער געברענגטע פּרץ־ציטאַטן, האָב איך מיט אַ כיוון איבערגעלאָזט, ווייל כמעט דער גאַנצער פּרץ־דיאַלאָג אין די פראַגמענטן, איז אויסגעבויט פון פּרצס אויטענטישע אַרויסזאָגונגען.

XI

## דינעזאָן און פּרץ

(פראַגמענטן פונעם 7־טן קאַפּיטל פון דער ביאָגראַפישער
דערציילונג „די מאַמע אסתר־רחל")

...דעם אָוונט איז אין „זשאַרדען ד'היווער", — דער בודע אויף כמיעלנע גאַס, ווו ס'האָט געשפּילט דאָס יידישע טעאַטער פון פישזאָן־קאַמינסקי, — געווען אַ גרויסע אויפלעבונג. די בילעטערן האָבן אָפּגעהיט דריי פּלעצער אין דער ערשטער ריי, קיינער זאָל זיי נישט פאַרנעמען. יידן, וואָס האָבן געהאַט אַ טבע צו פאַרנעמען נישט זייערע ערטער, האָבן זיך געקאָכט אויף דער גזירה:

— הער נאָר די נייעס! מען טאָר נישט פאַרנעמען די פּלעצער. וואָס איז, וועלכער פריץ דאַרף עס קומען?

— נישט קיין פריץ, נאָר פּרץ.

— אָ! — האָבן זיך אייניקע יידן מיט דרך־ארץ אָפּגערוקט פון די ערטער.

דירעקטאָר פישזאָן איז אַרומגעגאַנגען מעשה באַלעבאָס און כסדר אַכטונג געגעבן ס'זאָל אַלץ זיין אין אָרדענונג. ער האָט עס באַדאַרפט אויפנעמען די געסט, ווייל קאַמינסקי האָט געשפּילט אין דער פאָרשטעלונג.

פישזאָן האָט אַפילו נישט געהאַט די זיכערקייט, צי מען דאַרף מאַכן אַזאַ טאַראַראַם אַרום א שרייבער. האָט ער זיך דאָך אַליין אויך געהאַלטן פאַר אַ שרייבער... זיין „כל מקדש" און אַנדערע לידער זענען אַרויס אין אַ באַזונדער בוך — מיט

זיין פּאָרטרעט פון פּאַרנט... אָבער פּאַר שלום־בית מיטן שותף איז ער מסכּים געווען אַ גלאַנץ צו־טון מיט זיינע בריליאַנטן לכּבוד די שרייבערישע געסט.

הינטער די קוליסן איז געווען אַן אמתע סומאַטאָכע. די אַקטיאָרן, אַנגעטוענע שוין צו זייערע אויפטריטן, האָבן נערוועז אַרומגעשפּאַנט. דער געהילף־רעזשיסער, הערמאַן פישער, האָט אַן פּאַרוואָס געשריגן מיט זיין פּאַלצעטל אויף די בינע־אַרבעטער. יעדער האָט זיך געפילט, ווי דווקא אויף אים וואָלט געלעגן אַ באַזונדערע פּאַראַנטוואָרטלעכקייט.

אסתר־רחל איז געזעסן ביי זיך אין גאַרדעראָב, איינגעשלאָסן אין זיך, נישט צוגעהערט זיך צום אַרומיקן טומל. זי האָט פיבערדיק געמאַכט מיט די פינגער, ווי זי וואָלט צווישן זיי געקייקלט א שטיקל ברויט. אברהם יצחק, וועלכער האָט אַרומ־געשפּאַנט אַ נערוועז־אויפגעהייטערטער אויף דער בינע און הינטער די קוליסן, האָט זיך אָפּגעשטעלט פּאַר איר טישל.

— וואָס ביסטו אַזוי זויער? זעסט דאָך אויס, ווי דו וואָלסט גאָרנישט געווען צופרידן מיטן גאַסט...

— מיין מזל... דאַרף מיך הער פּרץ צום ערשטן מאָל זען גראָד אין אַזאַ פּיעסע, אין אַזאַ ראָל...

געשפּילט האָט מען דעם אָוונט לאַטיינערס אַ היסטאָרישע אָפּערעטע, וואָס איז פּאַר אסתר־רחלען געווען אַן אָפּקומעניש. וויפל זי האָט נישט געדרייט און איבערגעדרייט די ווערטער, די „הילצערנע פּראָזע״, האָט זי אַלץ געפילט: ס׳איז נישט דאָס...

...הערמאַן פישער האָט אויפגעפּראַלט די טיר פון גאַרדעראָב, אויסכאַפּנדיק, ווי זיין שטייגער, די מצווה פון ערשטן בשורה־אָנזאָגער.

— הער פּרץ איז שוין געקומען!

אברהם־יצחק איז צוגעלאָפן צום לעכל פון פורהאַנג, אַרויס־

געקוקט אין זאַל און געזען, ווי פּישזאַן פירט צו מיט גרויס חשיבות אַ דאַמע מיט צוויי הערן — אין דער ערשטער ריי. דינעזאָנען האָט ער גלייך דערקענט און לויט די באַשרייבונגען האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דער מאַן מיט די פריצישע וואָנסעס, מיט דער גרוילעכער, צעשויבערטער טשופרינע, מוז זיין פרץ.

צוקומענדיק צו זיין אָרט, האָט זיך פרץ אַרומגעקוקט איבער דער גרויסער, אומהיימלעכער בודע, באַמערקט, ווי אַלע אויגן זענען צו אים געוואָנדן, האָט ער אַ שמייכל־געטון אונטערן וואָנס און אַוועקגעזעצט זיך נעבן זיין באַגלייטערין, איינרוימענדיק איר עפּעס אין אויער.

אסתר־רחל איז געשטאַנען פאַרטראַכט אין די קוליסן און אַפילו זיך נישט דערנענטערט צום פוירהאַנג־לעכל, האָט איר אברהם־יצחק אַ מונטער־געטון:

— וואָלסט כאָטש אַ קוק־געטון, וואָס פאַר אַן אינטערעסאַנטער מאַן ער איז, ווי ווירדיק ער האַלט זיך.

— זאָל מען שוין אָנהייבן! — האָט אסתר־רחל אומגעדולדיק געענטפערט.

די פאָרשטעלונג איז געגאַנגען נערוועז, ווי זי וואָלט זיך געריסן אין צויטן: אָט האָבן זיך אקטיאָרן צעשריגן מער, ווי תמיד, אָט זענען זיי אַראָפּגעפאַלן פון טאָן, אַז די ווערטער זייערע זענען צעשווומען געוואָרן צווישן די ערשטע רייען פון ריזיקן זאַל.

פון עולם ווידער האָבן אַ סך מענטשן מער געקוקט אויף פּרצן, ווי אויף דער בינע. און פרץ האָט זייער קענטיק רעאַגירט אויף דער פאָרשטעלונג: הילכיק געלאַכט ביי איניקע קאָמישע סצענעס, אַפילו ביי געוויינלעכע קאָזשיאַלקעס; אומגעדולדיק זיך געוואָנדן מיט אַ באַמערקונג צו דינעזאָנען בעת אַ גאָר געשמאַק־לאָזער סצענע, אָדער ביי די ביטער־מעלאָדראַמאַטישע מאָמענטן,

ווען איבערן זאַל האָט זיך געטראָגן אַ שטאַרק כליפּעניש. אָבער נאָכן פאַלן פונעם פּוּיראַנג, האָט ער יעדעס מאָל לאַנג אַפּלאָדירט, הויך אויפהייבנדיק די הענט.

די פאָרשטעלונג האָט זיך געצויגן, געשלעפּט, ביז סוף־כל־סוף האָט זי זיך געענדיקט. אַלע אַקטיאָרן האָבן געוואַרט הינטער די קוליסן, געטריבן פון אומגעדולד צו הערן, וואָס פּישזאָן וועט דערציילן וועגן דעם איינדרוק פון דער פאָרשטעלונג אויפן גרויסן גאַסט.

— ביטע, ביטע, דורך דאַנען! — האָט זיך דערהערט פּישזאָנס הייזעריקלעכע שטים.

די ערשטע איז געגאַנגען די דאַמע מיט קענטיקע שפּורן פון שיינקייט אויף איר פּנים, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן צו וועלקן. זי האָט פריינדלעך געשמייכלט צו די אַקטיאָרן און באַגריסט זיך מיטן קאָפּ, ווען פּישזאָן האָט פאָרגעשטעלט:

— מאַדאַם פּרץ.

נאָך איר איז אַרײַן אַ צעשמייכלטער פּרץ אַליין, פאָכענדיק מיט די פאָלעס פון זיין פּעלערינע. ער האָט געדריקט די האַנט פון יעדן אונטערקומענדיקן אַקטיאָר און אַ לענגערע ווײַלע פאַרהאַלטן אסתר־רחלס האַנט:

— איר זענט פאַר מיר אַן איבעראַשונג, מאַדאַם. איר אימפּאָנירט מיט אייער האַלטונג און רעדט אַזאַ מחיהדיקן יידיש, אַז דאָס האָט דערוואַרעמט אַפילו אַזאַ אַלטן יידן, ווי איך.

— ביטע, ביטע אין גאַרדעראָב, — האָט פּישזאָן איבערגעריסן די שטילקייט, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט נאָך פּרצס ווערטער.

פּרוי פּרץ, באַגלייט דורך דעם צעשמייכלטן דינעזאָן און דעם העפלעך־ענטפערנדיקן קאַמינסקי, איז אַוועק אין דער ריכטונג, וואָס איז אָנגעוויזן געוואָרן פון פּישזאָנען. די איבעריקע

אַקטיאָרן ווידער האָבן אַליין פון זיך געבילדעט אַ שפּאַלער, דורך וועלכן ס׳איז דורכגעגאַנגען אסתּר־רחל מיט פּרצן. גייענדיק האָט פּרץ כּסדר גערעדט:

— כ׳האָב ליב טעאַטער, שטאַרק ליב. יידיש טעאַטער האָב איך גאָר שטאַרק ליב. אָבער כ׳האָב עגמת־נפש דערפון. איר האָט טאַלאַנטירטע אַקטיאָרן, באמת פעיִקע מענטשן, אָבער איר שפּילט אַזעלכע אומגעלומפּערטע זאַכן, אַז ס׳איבלט ממש... וואָלט איר כאָטש געשפּילט גאָלדפאַדענען. ער איז טאַקע נאַיִוו, אָבער פאָלקסטימלעך־פּרימיטיוו און אפשר דערפאַר אַזוי האַרציק. און ער איז מעלאָדישער פון אַלע אַנדערע אָפּערעטן־שרייבערס. ער איז אין אַ געוויסער מאָס נאַציאָנאַל, ביי אַלע זיינע חסרונות. יעדנפאַלס איז ער פאָלקסטימלעך.

אסתּר־רחל האָט געשלונגען זיין יעדעס וואָרט. הערנדיק איצט פּרצן האָבן געשוועבט פאַר אירע אויגן בילדער פון זיינע ווערק. אין אירע אויערן האָבן געקלונגען די שמועסן פון זיינע פּשוטע יידן אין די „רייזע־בילדער״ און ס׳האָבן אויפגעטויכט פאַר איר זייערע געשטאַלטן. האָט זי אָן אַ שפּור פון קאָמפּלי־מענטן־מאַכעריי אַ זאָג־געטון:

— כ׳וואָלט אַזוי וועלן שפּילן אייערס אַ זאַך...

אַ צופרידענער האָט זי פּרץ אָנגעקוקט און זיך צעלאַכט. פונקען האָבן אַ שפּראַץ־געטון פון זיינע אויגן. מיט אַ שפּאַסיקן טאָן האָט ער געענטפערט:

— איך שרייב אָבער נישט קיין זאַכן, ווו עס טרעטן אויף עלעגאַנטע דאַמען... ווי וועט אַזאַ רייצנדיקע דאַמע, ווי איר, וועלן שפּילן מיינס אַן אָרעמע פאָלקס־פרוי?

אסתּר־רחל האָט זיך אַ ביסל פאַרשעמט. זי האָט זיך געפילט באַליידיקט פון די רייד.

— איך שפּיל נישט קיין דאַמען. איך באַווייז זיך נישט אויף

דער בינע, ווי אַ ליאַלקע. איך זוך די נשמה פון מענטשן, וועלכע איך שפּיל.

די ווערטער האָבן פּרצן אָפּגעשטעלט. ער איז געוואָרן נייגעריק:

— דאָס פרייט מיך... ס'פרייט מיך זייער... ווייל איך זוך אויך אין מיינע ווערק אָפּצושפּיגלען די נשמה פון מענטשן... פון יידישן פאָלקס־מענטש.

פלוצלינג האָט ער זיך הילכיק צעלאַכט און צוגעגעבן:

— איר געפעלט מיר אַלץ מער... רב יאַנקל, — האָט ער אַ רוף־געטון צו דינעזאָנען, — האָסט, דוכט זיך, נישט געהאַט קיין טעות!

אָבער אסתר־רחל האָט ווייטער געשפּינען איר פריערדיקן געדאַנק:

— איך האָב עס געזאָגט טאַקע, ווייל איך קען אייערע ווערק...

די ווערטער אירע האָבן געמאַכט פּרצן אויפשיינען מיט אַ קינדערישער פרייד:

— איר האָט געלייענט מיינע זאַכן? איר לייענט ביכער? דאָס פרייט מיך. ס'פרייט מיך פאַר אייך און פאַרן יידישן טעאַטער... אפשר הייבט זיך שוין טאַקע אָן אַ נייע צייט פאַרן יידישן טעאַטער? — האָט ער אַ ברום־געטון, ווי צו זיך.

דאָס האָט נאָכמער אָנגעצונדן אסתר־רחלען:

— איך גלייב אין דעם! דאָס איז מיין האָפענונג! דערפאַר זוך איך איצט נייע פּיעסן, נייע געשטאַלטן... איך זוך מיין געשטאַלט, — האָט זי פאַרענדיקט מיט אַ ביסל אַ פאַרחלומטן טאָן.

— וואָס זוכט איר? וואָס האָט איר שוין געפונען, מאַדאַם?

— האָט פּרץ צונויפגעדריקט די ברעמען, ווי ער וואָלט וועלן אויספאָרשן דאָס פאַרבאַהאַלטענע הינטער אירע ווערטער.

— איצט האָב איך „די מוטער" פון פּינסקי.

— „די מוטער?" אַהאַ... נו, נו, געפעלט עס איך?

— ס'איז מיר שווער צו זאָגן... ס'איז דאָ אין דעם עפּעס נייעס, פּשוטערס, מענטשלעכערס, נישט ווי אין אונדזערע אַלע פּיעסן. אָבער עס פעלט אין דעם... ס'איז מיר שווער אָנצורופן וואָס... איך ווייס נאָר, אַז ס'איז נאָך אַלץ נישט די פּיעסע, וואָס איך זוך...

פּרץ האָט אַ שאַר־געטון מיט דער האַנט זיין צעשויבערטע טשופּרינע, זיך פאַרטראַכט אַ ביסל, דאַן אַ זאָג־געטון אַנטשלאָסן:

— גוט, כ'וועל איך געבן מיינעם אַן איינאַקטער פון יידישן פאָלקס־לעבן, פון דער אָרעמקייט, וועגן דער נויט פון יידישע פרויען. וועט איר צופרידן זיין מיט אַזאַ מין זאַך?

— יאָ! — האָט אסתּר־רחל פריידיק אויסגערופן.

— רב יאַנקל, — האָט פּרץ הויך אַ רוף־געטון דינעזאָנען, — ווייסט, כ'האָב צוגעזאָגט דער מאַדאַם קאַמינסקאַ „די שוועסטער".

דינעזאָן האָט צושטימענדיק אַ שאָקל־געטון מיטן קאָפּ. ער איז געווען שטאַרק צופרידן. אייגנטלעך איז דאָך דאָס געווען זיין כוונה מיטן היינטיקן באַזוך...

*

פּישזאָן איז געזעסן אין דער ערשטער ריי אַן אָנגעכמורעטער, דעם שטעקן מיט דער גאָלדענער גאָלקע געהאַלטן צווישן די פיס און מיט דער האַנט געקלימפּערט די גאָלדענע ברעליאָקן, וואָס האָבן באַדעקט די דיקע קייט אויף זיין וועסטל. פון צייט צו צייט האָט ער געגעבן אַ טיפן זיפץ און פאַרענדיקט:

— מממא!...

אויף דער בינע איז שוין געגאַנגען די לעצטע פּראָבע פון „די שוועסטער". אין אַ ווינקל איז געשטאַנען קאַמינסקי און כסדר געביטן דעם אָביעקט פון זיין אָבסערוואַציע: אַ ביסל געקוקט אויף דער פּראָבע און אַ ביסל אויף זיין שותף. ווען מען האָט געענדיקט די פּראָבע איז ער צוגעגאַנגען צו פישזאָנען און מיט אַ געמאַכטן מיטגעפיל געפרעגט:

— וואָס איז, גאַספּאַדין פישזאָן, וואָס זענט איר אַזוי פאַרזויערט? די געשעפטן גייען שלעכט?

— אַוודאי וועלן זיי אינגיכן גיין אין דר'ערד אַריין, אַז מען וועט שפּילן אַזאַ נודעכץ. געהערט אַ מעשה: אַ דיוועטיסמענט צום וויינען! ווייניק וואָס די דראַמע אַליין וועט דעם עולם איינשלעפערן, נאָ דיר אַזאַ דיוועטיסמענט פאַר אַ צולאָג!

נאָר קאַמינסקי האָט זיך דערמיט נישט איבערגענומען:

— מיר גיבן דאָך אַ גאַנצן ליטעראַרישן אָוונט, קאָן מען עס דאָך נישט פאַרענדיקן מיט אייער „קול מקדש" — האָט ער א שטאָך־געטון פישזאָנען.

— וואָס טויג מיר אייער ליטעראַטור! דער עולם בעט עס ביי איך? גיט זיי אַ לידל, אַ טענצל, וועלן זיי די פינגער לעקן... און איך, אַלט פערד, לאָז נאָך אַריינשלעפּן מיינע ווייבער אין דעם נודעכץ... עי, ווען דער אַפיש וואָלט נאָך נישט געווען אָפּגעדרוקט! שטראָף מיך גאָט, אויב איך וואָלט עס געלאָזט שפּילן!

אָבער דער אַפיש איז שוין געווען אַפילו אויסגעקלעפּט און ער האָט אָנגעזאָגט דעם וואַרשעווער עולם, אַז אין „זשאַרדען ד'היווער" וועלן געשפּילט ווערן צוויי „ליטעראַרישע פּיעסן" אין איין אָוונט: „די מוטער" פון דוד פּינסקי און „די שוועסטער" פון י. ל. פּרץ.

*

די גאַנצע וואָך פון פּראָבן האָט אסתּר־רחל ממש געפּיבערט. אין די נעכט האָט זי געחזרט דעם טעקסט. נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל זיך אינערלעך איינגעהערט צום קלאַנג פון די פראַזן. בייטאָג האָט זי זיך איינגעבעטן ביי די אַקטיאָרן, זיי זאָלן אַ ביסל לענגער פאַרבלייבן אויף פּראָבע. ווי אַן אָפּקומעניש האָבן די אַקטיאָרן ווידער איבערגעחזרט די ווערטער, בויגנדיק דאָס אויער צום סופליאָר, וועלכער האָט זיך שוין דעם האַלדז אויסגעריסן, אונטערזאָגנדיק זיי אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט. אויף אסתּר־רחלס פאַרצווייפלטע בקשות האָבן זיי געענטפערט בארויִקנדיק:

— וואָס האָט איר מורא, מיר וועלן נישט קענען די פּאָר ווער־טער? וו׳טשאָם דיעלאָ, מען וועט נישט אַריינפאַלן אין דער מוזיק?

„די מוטער" איז נאָך געגאַנגען ווי עס איז גלאַטיק. אסתּר־רחל האָט דאָרט געהאַט אַ געמיינזאַמע שפּראַך מיט צוויי פון אירע פאַרטנערן: מיט ליבערטן, וועלכער איז שוין אַזוי געווען צוגעפּ־געשפּילט מיט איר, אַז זיי האָבן זיך פאַרשטאַנען אויפן ווונק, געלייענט זיך ממש פון די אויגן; און מיט איר קליינער פּאַרטנערין, מיט דער 6־יעריקער אידעלע, וועלכע האָט געשפּילט איר אייניקל סיאָמקע. די צרות האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן ביי די פּראָבן פון „די שוועסטער". אירע צוויי שוועסטערס — בראַגינסקאַ און וויעראַ זאַסלאַווסקאַ — זענען באַלד אויף דער ערשטער פּראָבע געווען זיכער, אַז זיי זענען פאַרטיק מיט זייערע ראָלן. די בראַגינסקאַ האָט נאָכגעשריגן די ווערטער, וואָס זי האָט געכאַפּט פונעם סופליאָר און געמאַכט העוויות פון אַ בעסאַראַבער פּויערטע; זאַסלאַווסקאַ האָט זיך געהנדלט אַלס נחמה מיט דער פאַרשייטקייט פון אַן אָדעסער באָסיאַטשקע. איר פּאַרטנער האָט זי נישט געלאָזט קומען צום וואָרט, פאַרלאַכט און אַרומגעקאָקעטירט דעם אָרעמען אַקטיאָר

לעמקאָפּ. אָבער אַ באַזונדערע פּיין איז פאַר אסתר־רחלען געווען איר סצענע מיטן אַקטיאָר אַרקאַ, וועלכער האָט אין „משה" נישט געהאַט בדעה צו געבן דעם פעלטשער־יונג, וואָס האָט פאַרפירט לאהן, נייערט אַ שיינעם ווילן יונג, וועלכער וויל געפעלן די מיידלעך אין טעאַטער. ביי זיי אַלע האָט זיך אסתר־רחל געבעטן רחמים:

— ס'איז דאָך אַ זאַך פון אַ גרויסן ידישן שרייבער... דער ווייטיק פון אָרעמע ידישע פאָלקס־מענטשן. גיט אַביסל נשמה... דער העד פּרץ וועט דאָך אַליין בייזיין די פאָרשטעלונג. דער מחבר אַליין...

— ווען איך אים אפשר נישט געפעלן ווערן? — האָט זאַסלאַווסקאַ קאָקעטירט. — איר מיינט טאַקע, אַז גאָספאַדין פּרץ האָט פיינט אַ שיין מיידל?

האָט אסתר־רחל פאַרביסן די ליפּן. זי איז שוין אַפילו גרייט געווען צו זאָגן קאַמינסקין, אַז מען דאַרף נישט שפּילן דעם אייב־אַקטער, זיך אַנטשולדיקן פאַר פּרצן. באַלד האָט זי זיך אָבער אַליין דערשראָקן פאַר דעם געדאַנק. אין איר דמיון האָט זי געזען פּרצעס איראָנישן בליק, אַ חוזק־שמייכל אויף זיינע וואָנסעס. זי האָט זיך פאַרגעשטעלט דעם שטילן פּאַרדרוס אין דינעזאָנס מילדע אויגן און דאָס האָט זי געשטויסן מיט נאָך מער אייפער זיך נעמען אַרבעטן איבער לאהן.

די ליידן פון דער דאַזיקער פרוי — דער פאַרשטויסענער צווישן פאַרשטויסענע — האָט זי געפילט אין זיך. זי האָט זיך אַליין פאַרגעשטעלט אין דער לאַגע פון לאהן. זי האָט זיך אויס־געמאָלן: אָט איז זי אַ דינסט ביי רב אשר וואַלד־סוחר אין פּאַראַ־זאָווע... פון אַלע זייטן קומען צו איר טענות פון די ווייבער און עס ציען זיך גיריקע בליקן פון די מענער... רב אשר אַליין קריכט צו איר ביינאַכט, ווען זי פאַלט אַוועק אַ טויט־מידע אויף איר

געלעגער אין קיך... זי קילט זיך דאָס האַרץ, אויספּרעסנדיק אַלע פינף פינגער אויף זיין פּעטער באַק, אַזויווי לאה ביי פּרצן... משה האָט זי אָפּגענאַרט, פאַרפירט? ער האָט אויך געזוכט אַ שטראַל פון פרייד אין זיין חושכדיק לעבן, אים קאָן זי דערפאַר מוחל זיין. ווען ער וואָלט געהאַט אַ בעסער לעבן, וואָלט ער אפשר צו איר אויך בעסער געווען. אָבער זיי? רב אשר, די אשריכע, דאָס גאַנצע גאַליקע געזינדל זייערס — מיט זיי מוז זי זיך אָפּרעכענען... זי וועט עס טון איצט — אין לאהן.

אַ שאָד, וואָס פּרץ האָט נישט געוואָלט קומען צו קיין פּראָבע. אפשר וואָלט ער באַווירקט די אַקטיאָרן, געגעבן זיי בעסער צו פאַרשטיין...

*

...יענעם אָוונט האָט זיך אין דעם ריזיקן, קאַלטן זאַל פון „זשאַרדען ד'היווער" פאַרזאַמלט אַ קליינער עולם. אונטן זענען סך־הכל געווען באַזעצט די ערשטע פּאָר רייען און אַ קליין ביסל מער עולם אויף דער גאַלעריע.

ה. ד. נאָמבערג האָט זיך אַרומגעדרייט מיט אַ גרופּע לאַנג־האָריקע יונגעלייט, וועלכע האָבן אַלע געטראָגן גראָד אַזוי־אויסגעבונדענע שלייפן, ווי ער און ענלעכע בערדלעך זיך געלאָזט וואַקסן. נאָמבערג איז געווען דער נידעריקסטער צווישן זיי, זענען אַלע געגאַנגען מיט אַראָפּגעבויגענע קעפּ רעדנדיק צו אים, אָדער הערנדיק אים און ער האָט געהאַלטן דעם קאָפּ פּאַריסן צו זיי. ס'איז צוגעקומען נח פּרילוצקי, האָט באַקוקט די ליידיקע בענק, אויפן פּאַרטער און מיט אַ נערוועזן צוק אַ ווינק־געטון צו נאָמבערגן:

— אַ גוטער סימן. ס'וועט מסתמא זיין היינט אַ רעכטע פאַרשטעלונג...

אין פּאַיע האָט זיך אַרומגעדרייט אברהם־יצחק קאַמינסקי און מיט דערוואַרטונג געקוקט אויפן אַריינגאַנג. דער אַלטער פּישזאָן איז געשטאַנען ביי דער קאַסע און בייז געקלימפּערט מיט די ברעליאָקן. ער האָט זיך אַפילו נישט גערירט פון אָרט, ווען קאַמינסקי איז אַרויסגעלאָפן און באַלד צוריק אַריינגעקומען מיט פּרצן, פּרוי פּרץ און דינעזאָנען. ווען זיי זענען שוין געווען אין פּאַיע, האָט פּישזאָן גרויסמוטיק פאַרנייגט דעם קאָפּ פאַר די געסט און קאַמינסקי האָט זיי צוגעפירט צו דער ערשטער ריי וווּ ס׳האָבן געוואַרט אויף זיי פּלעצער, וואָס זענען געווען אָפּגעהיט פון נאָמבערגן און זיינע באַגלייטער.

פּרץ האָט מיט אַ שאַרפן בליק באַקוקט די ליידיקע רייען, אַ שמייכל־געטון, דערזעענדיק אַ ביסל קעפּ אויף דער גאַלעריע, אַוועקגעזעצט זיך — פאַרלייגנדיק אַ פוס אויף אַ פוס און פאַרוואַרפנדיק דעם קאָפּ אויף אַרויף, צום סופית. דינעזאָן האָט עפּעס שטילערהייט גערעדט מיט נאָמבערגן, וועלכער האָט זיך נערוועז געדרייט אויף זיין אָרט. ווען פרוי פּרץ האָט עפּעס געפרעגט ביי איר מאַן, האָט ער אויף אַ מאָמענט אַ קער־געטון צו איר דעם קאָפּ, געענטפערט מיט איין וואָרט און ווידער זיך פאַרקוקט אַרויף, צום פאָרטאַל פון דער בינע, וווּ עס הייבט זיך אָן דער פאָרהאַנג.

דער פאָרהאַנג האָט זיך ערטערווייז געקנייטשט און אויסגעבויגן, ערגעץ־וווּ געריסן פון אומגעזעענע הענט. דער לעצטער קלונג — אין זאַל איז געוואָרן פינצטער און ס׳האָט זיך דערטראָגן דער קרעכץ פון אַרויפגייענדיקן פאָרהאַנג.

...עס פאַרענדיקט זיך ענדלעך די דראַמע פון דער מוטער. בולט זעט זיך פאַר די אַקטיאָרן אויף דער בינע אַ באַוועגונג פון הענט אין דער ערשטער ריי. אסתר־רחל האָט אַ קוק־געטון אין דער ריכטונג פון פּרצן, וועלכער האָט געפּאַטשט אָן אויפהער,

שיקנדיק איר אַ פריינדלעכן שמייכל. זי האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט. איצט מוז זי שנעל אַראָפּוואַרפן פון זיך די מוטער און אַריין אין דער הויט פון פרצס לאהן. זי טוט איבער דאָס קלייד, ווישט אָפּ די שטריכן פון פנים און פאַרקוקט זיך לאַנג אין שפּיגל, ביז ס׳לויפט אַריין פישער:

— מיר גייען ווייטער! איך לויף אין קאַסטן אַריין.

אין זאַל הערשט אַ געשפּאַנטע שטילקייט. די בראַגינסקאַ — מירל — רעדט מיט איר אברהמלען וועגן דער יאָרצייט פון זיין טאַטן, דעם שוחט. פרץ צופּט נערוועז אַ וואָנס, טוט זיך אַ דריי אויף דער שטול, אָבער דינעזאָן באַרואיקט אים מיט בעטנדיקע בליקן... נאָמבערג ציט דעם הויכן אַקסל אין דער ריכטונג פון פרילוצקין. עס פילט זיך אומרו אין די ערשטע רייען. מען באַמערקט אַפילו נישט, ווי אסתר־רחל באַווייזט זיך לאַנגזאַם אויף דער בינע, שטעלט זיך אַוועק ביי אַ בוים, איינטוליענדיק זיך אין אַ פּאַטשיילע, אַ פויזע. שטיל. אין דער שטילקייט דערהערט זיך אסתר־רחלס טיפע שטים:

— וואָס איז ער עס אַנטלאָפן?

צוויי שטראָמען פליסן פון דער בינע: אַ מילדער, וואַרעמער שטראָם פון לאהס מידקייט און פיין; אַ שאַרפער, קאַלטער שטראָם פון מירלס האַסטיקע, שרייאיקע רייד. די שוועסטערס אָמפּערן זיך. ווערט דער מילדער שטראָם פון לאהס ווערטער אַלץ האַסטיקער:

— טרעט... טרעט... מיט די פיס... אויפן האַרץ... אויף דער נשמה... אַז אַלע טרעטן...

דער שטראָם הייבט אָן צו ברויזן:

— דיינע פּרומאַקעס זענען בעסער?.. ווילסט וויסן? ווילסט? הער. צאַפּ דיין שוועסטערס בלוט!

פרץ דערפילט ווי זיין רעמאַרקע ווערט פאַרוואַנדלט אין

לעבן. עס לעבט אויף „מיט שטייגנדיקער אויפרעגונג און היציקן אָטעם". עס בריען מיט האָס די ווערטער:

— רב יאָקעלע... קאַצענע אויגן... אַ ברענענדיקער אָטעם... די פּיאות קריכן מיר אויפן האַרץ אַרום, ווי ווערים...

אַ שוידער נעמט דורך די וואָס געפינען זיך אין זאַל...

— נאָר אין אים האָב איך מיר ס'האַרץ געקילט! אַן איינפאַר־הויז, מיינט ער? אַלע פינף פינגער...

יעדעס וואָרט, וואָס אסתר רחל ברענגט איצט אַרויס, דריקט עפּעס אויס: אַ געפיל, אַן איבערלעבונג. און צווישן די ווערטער דריקן אירע אויגן און איר פּנים נאָכמער אויס, ווי אין די ווערטער. די שוועסטער, מירל, אַנטלויפט פון איר. באַנעמט זי, אַז די שוועסטער איז נענטער צו יענער וועלט, אויף וועלכער זי שפּיט, ווי צו איר. פאַלט זי אַוועק אויף דער באַנק. די הויכע שלאַנקע אסתר־רחל ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ צונויפגעקאָרטשעטן קנויל פון לאהס ווייטיק און פאַרדרוס.

מיט איר פאַרפירער, משהן, טענהט זי זיך שוין נישט אויס מיט אַזאַ האַס. אים באַדויערט זי בלויז. זי, די געפאַלענע, ווערט דורכגענומען מיט רחמנות צו אים און עקל, וואָס ער איז נאָך נידעריקער געפאַלן.

— און דאָס האָב איך ליב־געהאַט, דאָס!

זי שרייט אויס צו אים ממש באַפעלעריש:

— גיי!

פאַר זיך זעט זי נישט קיין אויסוועג. נישט פאַר זיך און נישט פאַר נחמהן. זאָגט זי יאושדיק:

— אונדזער וועג גייט משופּע אַראָפּ.... משופּע אַראָפּ...

עס פאַלט דער פורהאַנג. אַ כוואַליע האָט אַ פליייך־געטון פונעם זאַל צו דער בינע. צום ערשטן מאָל האָט מען אויף דער יידישער בינע אין וואַרשע דערזען אַ שטיק צאַפּלדיק לעבן. צום

ערשטן מאָל האָט דעם עולם אָנגעצונדן פּרץ הייסער אָטעם פון דער בינע, ס'האָט אַרומגעכאַפּט דער כוח פון זיין וואָרט.

— בראַוואָ, קאַמינסקאַ! בראַוואָ, פּרץ! — האָט מען געהאַלטן אין איין שרייען, ווען דער פורהאַנג איז געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ.

אסתר־רחל האָט אין איין מאָמענט אַראָפּגעקוקט צו פּרצן און דורכן נעפּל פון די מיט טרערן אָנגעפולטע אויגן האָט זי דערזען, ווי ער שיקט אַרויף צו איר האַנט־קושן. באַלד איז אָבער קאַמינסקי צוגעקומען צו פּרצן און ממש מיט כוח אים געשלעפּט אויף דער בינע. פרוי פּרץ און דינעזאָן עצהן פּרצן נישט צו עקשנען זיך און גיין. פּאַרויס איז געלאָפן פּישזאָן, טראָגנדיק דעם צילינדער אויפן קאָפּ און געמאַכט אַ ווערע פאַר פּרצן. ביים אַריינגאַנג אין די קוליסן האָט אים אסתר־רחל דערלאַנגט אַ בוקעט בלומען, וואָס איז נאָרוואָס איר אַרויפדערלאַנגט געוואָרן אויף דער בינע. האָט פּרץ אַרויסגעריסן אַ בלימל פון בוקעט, גענומען דאָס שטענגל אין מויל אַריין און אַזוי קייענדיק עס — אַרויס אויף דער בינע צווישן די אַקטיאָרן. לאַנג האָבן זיך די אָוואַציעס נישט איינגעשטילט. אין גערויש פון די אַפּלאָדיסמענטן האָט קאַמינסקי צוגעטראָגן פּרצן אַ לאָרבער־קראַנץ. און פּרץ האָט אַלץ געקייט דאָס שטענגל, געדרייט זיך, ווי מען וואָלט אים אָנגעטון אין ענגן קאָסטיום. ער האָט זיך געבייגט פאַרן עולם, פאַר די אַקטיאָרן און מיט קינדישער באַוווּנדערונג האָט ער זיך פאַרקוקט אין אסתר־רחלס פאַרטרערטע אויגן.

ווען דער פורהאַנג איז צום לעצטן מאָל געפאַלן, האָט פּרץ מיט אַ געלעכטער אַרויסגעלאָזט דאָס בלימל פון מויל, שטאַרק געדריקט אסתר־רחלס האַנט און איבערגעלאָזט אויף איר אַ הייסן קוש.

צום ערשטן מאָל האָט אסתר־רחל דערפילט דעם טעם פון

אמתן קינסטלער־גליק. זי האָט פאַר פּרצן געשפּילט פּרצס אַ פּיעסע.

*

...קיין גרויסע „סבאָרן" האָט די „ליטעראַרישע" פאָרשטעלונג נישט געבראַנגט. אָבער דער ליבער דינעזאָן האָט געבראַכט אסתר־רחלען גרוסן און קאָמפּלימענטן פון פּרצן.

— נאָכן אַריינטראַכטן זיך גוט, זעט ערשט פּרץ וואָס פאַר אַ מייסטערשטיק איר האָט געשאַפן אין לאהן.

— איר ווייסט גאָרנישט, ווי גליקלעך איך בין, וואָס דער הער פּרץ איז אַזוי צופרידן, — האָט זי זיך געריטלט.

— ווייסט איר וואָס? — האָט איר דינעזאָן געענטפערט — קומט אַריין מיטן הער קאַמינסקי שבת פאַרמיטיק צו סעמאַדעני אין צוקערניע, וועט איר ביי אַ גלעזל טיי נאָך עפּעס הערן...

*

ביי אַ טישל זענען שוין דאָרט געזעסן: פּרץ, דינעזאָן, נאָמבערג, אַש און אַ ביסל יונגוואַרג, וואָס האָט זיך געריבן צווישן די שרייבערס. דינעזאָן האָט באַמערקט אַריינקומען די קאַמינסקיס און פריינדלעך זיי פאַרבעטן מיט דער האַנט, זיי זאָלן צוקומען צו פּרצס טישל. גלייך האָט זיך פּרץ אויפגעשטעלט, אַ ברען־געטון מיט די אויגן און גאַלאַנט זיך באַגריסט מיט אסתר־רחלען. דאָס יונגוואַרג האָט פאַרמירט אַ טישל אין שכנות, רעדנדיק וועגן עפּעס הויך און היציק. ביי פּרצס טישל איז מען דערווייל געזעסן און געפירט אַ געמיטלעכן שמועס סתם אין דער וועלט אַריין. אָבערביים שכנותדיקן טישל האָט זיך דער שמועס פאַנאַנדערגעפלאַקערט, געוואָרן אַלץ לעבעדיקער און העכער. דינעזאָן האָט געוואָלט אָפּציען די אויפמערקזאַמקייט פון שכנותדיקן

טישל, צו וועלכן פרץ האָט שוין אָנגעהויבן צו וואַרפן איראָנישע בליקן, האָט ער פון דער העלער הויט אַ זאָג געטון:

— די מאַדאַם קאַמינסקאַ האָט מיר געזאָגט, אַז זי וויל זייער שטאַרק שפּילן דיין דראַמע פון חסידישן לעבן...

אברהם־יצחק האָט פרעגנדיק אַ קוק־געטון אויף אסתר־רחלען, זי האָט געעפנט פאַרחידושטע אויגן אויף דינעזאָנען. נייערט פרץ האָט עס נישט באַמערקט און האָט זיך אָנגעצונדן:

— טאַקע? באמת? כ׳וועל זיין זייער צופרידן דערפון! איך האָב אַפילו אַליין געצווייפלט, צי דאָס איז שטאָף פאַר אונדזער טעאַטער... איך מיין, די דראַמע מיינע. איך האָב דאָך אַ העברעישע דראַמע „חורבן פון צדיקס הויז״. וויל רב יאַנקל, אַז איך זאָל עס איבערמאַכן אויף יידיש... ווייס איך?... האָט ער מיר שוין פאַרדרייט דעם קאָפּ... נו גוט, כ׳וועל עס מאַכן און איך איבער־געבן.

— איר ווייסט גאָרנישט, ווי גליקלעך איך וועל זיין, אויב מיר וועלן עס קאָנען שפּילן! — האָט זיך אסתר־רחל אָנגעכאַפּט...

— איך ווייס אַפילו נישט, צי ס׳איז דאָרט דאָ אַ ראָל פאַר מיר. אָבער ס׳איז מיר אַלץ איינס, אַבי צו שפּילן אייערס אַ גאַנצע פּיעסע.

דער שמועס איז אַריבער אויף טעאַטער־ענינים און פרץ האָט אָנגעהויבן צו בליצן מיט אָפּשאַצונגען:

— „די מוטער״ מאַכט אַן איינדרוק... האָט שטאַרקע, זייער שטאַרקע מאָמענטן. און דאָך איז אין אַלגעמיין דער איינדרוק נישט אַזוי שטאַרק, ווי ער האָט געקאָנט זיין. שולדיק איז נישט דאָס שפּילן. איר האָט די ראָל געשפּילט מייסטערהאפט. דער פעלער שטעקט אין סטיל... אַלץ דאַרף דאָך אין דער זאַך זיין אומגעוויינלעך און דאָ רעדט די גאַנצע פאַמיליע וואָכעדיק. קיין איינציקער מעטאַלענער קלאַנג, קיין טיפער אויסדרוק. אפשר

וואָלט מען נאָך געקאָנט ראַטעווען די דראַמע, די אַקטיאָרן טאַקע. מיט באַוועגונגען. און אפשר טאַקע ענדערן די שפּראַך.

אויף אסתר־רחלס פרעגנדיקע אויגן האָט פּרץ געענטפערט:

— כ׳מיין ערנסט... נישט אַלץ, וואָס דער מחבר שרייבט, מוז זיין הייליק... איר דאַרפט אַליין אַרויספילן, וואָס עס ליגט זיך אייך אויף דער צונג. אָט האָט אויך אַפילו לאַטיינער באַקומען ביי אייך אַ מענטשלעכע שפּראַך. מאַכט נישט אויס, אַז מען ענדערט אַמאָל פּינסקין, אָדער ווען עס איז אַנדערש, אויב דאָס איז נייטיק, אויב דאָס איז צום גוטן. איך ווייס איינס: עס דאַרף אויסזען מער טיפער, ווי פּינסקי גיט עס אייך אין די ווערטער. סיי איר, סיי די קינדער.

ער האָט זיך פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט פאַרגעסן וועגן דער גאַנצער געזעלשאַפט. פלוצלינג האָט פּרץ אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער:

— איך האָב זיך דערמאָנט: דאָס איינינקל סיאָמקעלע. ס׳איז אייער טעכטערל? זי שפּילט דאָך, ווי אַ גאַנצע אַקטריסע. גוט געשפּילט, זייער גוט... אַ וווּנדער־קינד!

אַ צופרידענער פון קאָמפּלימענט האָט אברהם - יצחק צוגעגעבן:

— כמעט געבוירן געוואָרן אויף דער סצענע...

דאָס איז באַזונדערס געפעלן געוואָרן פּרצן:

— אַ וווּנדער־קינד געבוירן אויף דער סצענע... דאָס איז גוט, דאָס געפעלט מיר... אַ גוטער איינפאַל...

זיינע אויגן האָבן אָנגעהויבן צו וואַנדערן איבער די קעפּ פון די אַרומיקע. ער האָט זיך ווידער פאַרטראַכט:

— פון „די שווסטער" בין איך נישט שטאַרק צופרידן. נישטאָ דער טאָן, די אטמאָספער. נישט אַזוי האָב איך געזען די געשטאַלטן. אָבער איר, מאַדאַם קאַמינסקאַ, האָט מיך

באַגייסטערט. איר האָט געשפּילט לאהן, אַזוי ווי כ'האָב זי געזען, אויב נישט נאָך העכער...

*

...דינעזאָן האָט ווידער פאַרקערעוועט דעם שמועס אויף לויפנדיקע טעאַטער־פראַגן, פאַרענטפערט פּרצן, פאַרוואָס ער קומט אַזוי זעלטן אין טעאַטער אַריין.

— ער האָט עגמת־נפש פון דעם מין טעאַטער...

— איך פאַרשטיי עס אויסגעצייכנט, — האָט אסתר־רחל געענטפערט. — איך קום אויך אין טעאַטער, נאָר ווען איך מוז...

— איר גרייט גאָרנישט קיין נייע זאַכן איר זאָלט זיך קאָנען באַווייזן ?

— מיר דאַרפן די טעג קריגן די פּיעסע „כאַסיע די יתומה" פון יעקב גאָרדין. מען האָט אונדז געשריבן, אַז דאָס איז גאָר אַ געראָטענע פּיעסע און אַ ראָל, ווי געבוירן פאַר מיר. אפשר טאַקע...

— וועל איך שוין מיטשלעפּן פּרצן, ווען איר וועט שפּילן די יתומה... פּרץ האָט דעם אמת געזאָגט, נישט שטאַרק ליב די אַמעריקאַנער סחורה, אָבער אפשר איז דאָס טאַקע עפּעס רעכטס ?... איך ווינטש עס אייך יעדנפאַלס פון גאנצן האַרצן.

*

...צו דער פּרעמיערע איז קיין גרויסער געדראַנג ביי דער קאסע נישט געווען...

...פּישזאָן איז געשטאַנען ביי דער קאַסע, געשמייכלט סאַרקאַסטיש און גערייצט זיך מיט קאַמינסקין :

— מען קאָן פיין האָבן פּרנסה...

אָבער קאַמינסקי האָט זיך געמאַכט נישט הערן און געקוקט

געשפּאַנט צו דער אַריינגאַנג־טיר: דינעזאָן האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט היינט קומען מיט פּרצן. די בילעטן האָט מען געשיקט צו פּרצן אַהיים...

און אָט דערהערט זיך טאַקע דער צופאָר פון אייניקע דראָזשקעס:

— טפּררר! סטוי!

עס זענען אַריינגעקומען פּרץ מיט דינעזאָנען, אין דער באַגלייטונג פון נאָמבערגן, רייזענען און אַ גאַנצער קאָמפּאַניע יונגוואַרג, וואָס אייניקע האָבן געטראָגן אַ ברייטן, שוואַרצן הוט, ווי פּרץ, אַנדערע — קיילעכדיקע שוואַרצע היטעלעך.

מיט אַ לייכטן נויג פון קאָפּ האָט פּרץ געענטפערט אויף פּישזאָנס שטייפער באַגריסונג, אַ פריינדלעכן בליק־געטון מיט די אויגן צו קאַמינסקין און אַריין מיט זיינע באַגלייטער אין זאַל אַריין. ער האָט דערזען די ליידיקע ערשטע רייען, האָט ער אַ ציי־געטון אַ ברעם מיט אַ פראַגע צו דינעזאָנען, וועלכער האָט אים מיט די אויגן אָנגעוויזן די פולגעפּאַקטע ווייטערדיקע רייען. פון דאָרט האָט זיך טאַקע דערטראָגן אַ שאָרך, ווי אויף צו באַגריסן פּרצן. ער האָט עס אויפגענומען מיט אַ פריילעך פייערל אין די אויגן און ברייט זיך אַוועקגעזעצט אין דער ערשטער ריי, אַרויפקוקנדיק צום פאָרטאַל איבער דער בינע.

*

...דער טאַטע, מאַטיע שטרייכל האָט כאַסיען אַרויסגעשלעפּט אויף דער בינע. אַ געזונטע, דאַרפישע מויד מיט רויטע באַקן, מיט קאָמיש גרויסע שטיוול. זי קומט צוביסלעך צו זיך, נאָך דער ערשטער פאַרבלענדונג פון דער ליכט אין זאַל, באַטראַכט מיט גרויסע, פאַרוואונדערטע אויגן דעם זאַל, די מאָדנע־אויסגע־פּוצטע מענטשן און שיסט אויס מיט אַ געלעכטער... דאָס

געלעכטער הילכט אָפּ, ווי גלעקלעך ביי שליטנס אויף דאָרפישע ווינטער־וועגן...

פּרץ צעשמייכלט זיך ברייט, רוימט איין דינעזאָנען:

— די נאַטור לאַכט... פילסט דעם אָטעם פון דאָרף...

אסתר־רחלס כאַסיע אָטעמט טאַקע מיט נאַטור־קינד. און ווען כאַסיע וויל אַנטלויפן פון די פרעמדע קרובים, נאָר דעם טאַטנס ווערטער וועגן איר גורל ביי דער שטיפמאַמען, באַרואיקן זי און זי מוז זיך אונטערגעבן:

— אוי, דלות, דלות! — גיט זיך אַ שטראָם פון באַגייס־טערטע האַנט־פּאַטשערייען אַ טראַג צו דער בינע. און איבערן שטראָם הייבן זיך פּרצס הענט, ווי זיי וואָלטן וועלן דערגרייכן אַרויף, אויף דער בינע.

די פאָרשטעלונג וואַקסט אָן. און ווען די בייזע מומע בינדט כאַסיען צו די צעפּ צום בעט, פייניקט זי, דערטראָגט זיך אַן אויסרוף פון די וויטע רייען:

— לאָז אָפּ, נידערטרעכטיקע!

דעם זאַל גייט דורך אַן עלעקטרישער שטראָם. אברהם רייזען קוועטשט מיט די אויגן, וועלנדיק באהערשן די טרערן. ער שעמט זיך: אפשר האָט עס פּרץ באַמערקט. אָבער אויך פון פּרצס גרויסע אויגן קייקלען זיך פולע, לייכטנדיקע טרערן.

ווען דער פאָרהאַנג פאַלט, שמייכלט פּרץ אַ פאַרשעמטער. ער פאַרענטפערט זיך פאַר די באַגלייטער זיינע:

— זי האָט מיך אויף אַן אמת גערירט, די כאַסיע.

ער פּרוווט צו מאכן אַ וויץ אויפן חשבון פון זיין סענטימענ־טאַלקייט. און ווען דער געלאַסענער דינעזאָן שמייכלט איראָניש, ענטפערט אים פּרץ מיט אַ הילכיק געלעכטער:

— נו, שויך, ביסט צופרידן? זי איז גוט! אויסגעצייכנט דיין ליבלינג.

און מיט שעלמישע פונקען אין די אויגן וואַרפט ער צו דינעזאָנען אונטערן וואָנס:

— זי געפעלט מיר אויך, רב יאַנקל!...

...אָן אינערלעך־צעשטראַלטע איז כאַסיע ווידער אַרויף אויף דער בינע אין איר דאָרפיש קלייד, מיט פילקאָלירקע סטענגעס, איינגעבונדענע אין די האָר. פון די סטענגעס האָט זי אויסגעבויט אַ טייכל, אַרומגעשטעלט מיטביימער פון בלומען־טעפּ און געלאָזט זיך אויף די כוואַליעס פון חלום. זי האָט זיך געשפּיגלט אין דער שיינקייט פון דער אימאַגינירטער נאַטור. און צו איר אַרויף האָבן געקוקט אַ פּאָר גרויסע שטראַלנדיקע אויגן, פּרצס אויגן. זיינע ליפּן האָבן שטיל אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט:

— פּאָעזיע!

דינעזאָן האָט אויפגעכאַפּט דאָס וואָרט און שטיל צוגעשטימט מיט אַ שאָקל פון קאָפּ.

און ווען כאַסיעס חלום איז צעשטערט געוואָרן, ס'איז אין איר האַרץ אַלץ מער געוואַקסן דער רעוואָלט, ביז זי האָט מיטן גאַנצן כוח פון איר באַליידיקטן שטאָלץ אויסגערופן:

— עס זענען דאָ געגנוג בעלנים אויף אומזיסטע קנעכט און אומזיסטע דינסטן! — האָט דאָס טעאַטער זיך צעכוואַליעט. מען האָט געפּאַטשט מיט די הענט, געטופּעט מיט די פיס.

מיטאַמאָל האָט זיך דערטראָגן ערגעץ פון די ווייטערע רייען אַן אויסרוף:

— נידער מיט דער אונטערדריקונג! זאָל לעבן די פרייהייט!

דער אויסרוף איז אונטערגעכאַפּט געוואָרן דורך הונדערטער העלדזער און ס'האָט אַ ברויז־געטון צו דער בינע אַ הייסער שטראָם פון רעוואָלטירנדיקן געמיט.

פּרץ האָט אויפגעריסן ברייטער די אויגן, אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו די הינטערשטע רייען, ווידער אַ קוק געטון אויף

דער בינע. ער איז באַגייסטערט געוואָרן פון דעם איינהייטלעכן ריטם, וואָס האָט באַהערשט די בינע און דעם זאַל. אַנטשלאָסן האָט ער אַ זאָג־געטון צו דינעזאָנען:

— דאָס הייסט טעאַטער! אַזוי דאַרף ווירקן דאָס קינסט־לערישע וואָרט!

*

...— איך האָב דערזען אין אייך אַ גרויסע קינסטלערין! — האָט פּרץ געזאָגט אסתר־רחלען בעת זייער נאָענטסטער באַגעגעניש. — רב יאַנקל איז געווען גערעכט מיט זיין אַגיטאַציע פאַר אייך.

און ווענדנדיק זיך צו קאַמינסקין, האָט ער געמאַכט אַ וויץ:

— איר האָט נישט וואָס צו זיין אייפערזיכטיק. אונדזער יאַנקל זוכט בלויז נשמות...

דינעזאָן האָט געשמייכלט איך פאַרלעגנהייט און ווענדיק דעם שמועס אָפּווענדן אין אַן אַנדער ריכטונג, האָט ער אָנגעהויבן:

— איך האָב געהערט, אַז ביי יעדער פאָרשטעלונג פון כאַסיע ווערט מאַדאַם קאַמינסקאַ אַזוי וואַרעם אויפגענומען פון עולם.

— און מען דאַרף צוגעבן, אַז ער קומט מאַסנווייז צו יעדער פאָרשטעלונג, — האָט קאַמינסקי צוגעגעבן מיט צופרידנקייט.

— דאָס איז גוט! דערפון בין איך צופרידן! — איז פּרץ געווען שטאַרק אויפגעלייגט. — אפשר איז דאָס אַ נייער קער ביי אונדזער „ווערטן־פובליקום”? ווייל גאָרדין שטייט דאָך שוין אויף דער גרענעץ פון שונד און קונסט...

אסתר־רחל האָט זיך איבערגעפרעגט מיט חידוש:

— שונד?

— נו, נענטער צו קונסט. אָבער אינגאַנצן פון מעלאָדראַמע קאָן ער נישט אַוועק. ס'פּעלט אים די מאָס. ער ווייס נישט ווו און ווען צו ענדיקן. אָט האָט איר ביי אים העכערע ראָמאַנטישע ליריק אין דריטן אַקט פון כאַסיען, מאַכט ער עס קאַליע מיטן פערטן אַקט. איר, מאַדאַם קאַמינסקאַ, שטאַרבט טאַקע זייער גוט, אָבער וויינען אויף אייער טויט וויינט איין וולאַדימיר. איך האָב געגענעצט... זייט מוחל מיין אויפריכטיקייט. אַפילו איר, מיט אייער גאַנצן טאַלאַנט, קאָנט נישט ראַטעווען אַזאַ שלעכטן פערטן אַקט... אפשר איז דאָס גוט פאַר אַמעריקע, וואָס האָט אַ פאַרדאָרבענעם געשמאַק. מיר וואָלטן זיך געקאָנט באַגיין אָן דעם פערטן אַקט. קינסטלעריש גענומען איז עס, ווי כאַסיעס פאָטער זאָגט: „אוי, דלות, דלות"... ער האָט טאַלאַנט, גאָרדין, עס פעלט אים אָבער מאָס... — האָט פּרץ איבערגעחזרט פאַר זיך.

אסתר רחל האָט גערעדט שטיל, ווי זי וואָלט זיך געפּרוווט צו פאַרענטפערן:

— איך רעד זיך נישט איין, אַז איך פאַרשטיי ליטעראַטור... איך וויל זיך נישט שפּאַרן מיט אייך... אָבער לויט מיין פּראָסטן שכל איז דאָס די בעסטע פּיעסע, וואָס איך האָב ביז איצט געשפּילט. עס זענען לעבעדיקע מענטשן, רעדן פּשוטע רייד און, דוכט זיך, קלוגע רייד... איר האָט דאָך אַליין געזען, ווי אַזוי דאָס האָט געטראָפן דעם עולם אין פּינטל אַריין!

— דאָס יאָ, דאָס איז אַ גרויסע זאַך אַזוי צו באַווירקן די צושויער... אָבער איך מיין, אַז דאָס איז מער אייער פאַרדינסט, ווי גאָרדינס. איר זענט אַריבערגעוואקסן גאָרדינען, כאָטש איר פילט עס נאָך נישט... די לאָגיק פון היינט, מיט די קליינע אינטערעסן, קליינע טוגענדן און פאַרברעכנס, איז אַ שמאָל פעלד פאַרן דיכטער, פאַרן קינסטלער... דער דיכטער דאַרף אויסחלומען דאָס, וואָס איז נאָך נישט געשען...

— דאַרף זיך דער קינסטלער דערוויטערן פון לעבן? — האָט זיך אסתּר־רחל געחידושט.

— ניין, דאָס נישט. אָבער דאָס פֿאָלק און זיין לעבן האָט נאָך דאָס מאַטעריאַל נישט געגעבן...

— אונדזער לעבן האָט נאָך נישט געגעבן דאָס מאַטעריאַל?

— האָט אסתּר־רחל עס נישט געקאָנט באַנעמען.

דינעזאָן האָט זי באַרואיקט מיט אַ שמייכל:

— נעמט זיך נישט איבער. אונדזער פּרץ רעדט לויט דער שטימונג. איצט פילט ער אַזוי, זאָגט ער אַזוי.

פּרץ האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ הינערפלעט:

— האַ? וואָס?... ניין, אפשר האָב איך זיך נישט ריכטיק אויסגעדריקט. איך מיין, אַז אונדזערע קינסטלער קאָנען נאָך נישט אַרויסהייבן דאָס מאַטעריאַל פון לעבן. זיי קאָנען נאָך נישט שאַפן קיין ווערק, וווּ יעדעס וואָרט האָט זיין ווירקלעכע באַדייטונג, יעדער זשעסט איז נאַטירלעך און וואָר... כ׳מיין סצענישע ווערק, וווּ די, וואָס באַוועגן זיך אויף דער בינע זענען לעבעדיקע מענטשן, נישט קיין רעדנדיקע מאַנעקינען... ס׳זאָל זיין וואָר, לעבן. און גלייכצייטיק דערהויבן זיך צו אייביקע פּראַגן.

— ווו נעמט מען אָבער אַזעלכע פּיעסן־שרייבער? — האָט זיך אברהם־יצחק אַריינגעמישט.

— ס׳זענען דאָ... איז נישט קיין יידישע. ס׳איז נישט קיין אומגליק, אַז מען שפּילט איבערגעזעצטע פּיעסן. בעסער איבער־זעצטע קונסט, איידער יידישער שונד... איבסען, גאָרקי.

— מיר נעמען זיך איצט טאַקע צו גאָרקיס „נאַ דניע“...

איך האָב שוין איבערגעזעצט די פּיעסע... — האָט קאַמינסקי צוגעגעבן מיט שטאָלץ.

— איר האָט איבערגעזעצט? ווען? — האָט זיך פּרץ פאַראינטערעסירט.

— די לעצטע וואָך.

— אין איין וואָך? שנעל צו שנעל... גאָרקי... יעדעס וואָרט האָט זיין באַדייט, זיין פאַרב... ס׳איז הויכע קונסט...

— כ׳האָב זיך באַמיט עס זאָל אַרויסקומען צום בעסטן, — האָט זיך קאַמינסקי פאַרענטפערט.

— מיר וועלן זען... מיר וועלן זען... — האָט פּרץ געברומט אונטער די וואָנסן. — נו און די אַקטיאָרן? וועלן זיי זיך אַן עצה געבן, שילדערנדיק דאָס לעבן, ווי עס ווערט אונדז קינסטלעריש פאַרטייטשט פון גאָרקין? איך האָב גרויסע ספיקות...

— מיר האָבן אויסגעקליבן די בעסטע באַזעצונג... מען וועט אַרבעטן מיט לייב און לעבן — האָט זיך קאַמינסקי באַמיט אָפּצוּווענדן פּרצס ספיקות.

— מאַדאַם קאַמינסקאַ שפּילט? — האָט זיך דינעזאָן אַריינגעמישט אין זייער דיאַלאָג.

— איר וועט זי זען אין גאָר אַ נייער געשטאַלט! — האָט קאַמינסקי אונטערגעשטראָכן — זי שפּילט וואַסיליסאַ.

— אינטערעסאַנט... אינטערעסאַנט, — האָט זיך פּרץ פאַרטראַכט. — וואַסיליסאַ. אַ שלאַנג, אַ שלעכטע, אַ גייציקע... איר וועט קאָנען זיין אַ שלאַנג?

— איך וועל זוכן אין איר דאָס גוטע. איך וועל זיך באַמיען צו באַווייזן, פאַרוואָס זי איז געוואָרן אַ שלאַנג.

— בין איך שוין טאַקע נייגעריק אויף דער פאָרשטעלונג... דאָס וועט זיין אייער פייער־פּראָבע... די פייער־פּראָבע פון יידישן אַקטיאָר, — האָט פּרץ פאַרענדיקט.

*

...די פייער־פּראָבע, ווי פּרץ האָט אָנגערופן די פאָרשטעלונג, איז אַדורך אין אַ שווערן נערוון־צושטאַנד. דער עולם פון די הינטערשטע רייען האָט טאַקע מיט הייסע אַפּלאָדיסמענטן געהויבן דעם מוט פון די אַקטיאָרן, אָבער אסתר־רחל איז אַלץ נישט געווען זיכער, וואָס פאַר אַ פּנים די פאָרשטעלונג האָט. ביז פּרץ האָט זיך באַוויזן הינטער די קוליסן און מיט זיין געוויינלעכער ברייטקייט, מיט פייער, האָט ער אויסגערופן:

— בראַוואָ! בראַוואָ! ס׳איז גוט. איר האָט באַוויזן, אַז איר האָט די פעיִקייט צו לעבן אין אַלע סטרעפן, צו עסן ברויט פון אַלע אויוונס... אייער גרויסער פאַרדינסט: ס׳איז געווען רוסיש, עכט רוסיש... מאַדאַם קאַמינסקאַ, איר האָט גוט פאַרטיידיקט וואַסיליסען! איר האָט מיך איבערצייגט, אַז דער איינציק ווירקלעך־שוואַרצער כאַראַקטער אין שטיק איז דער אַלטער קאָסטיליעוו... אַז ער האָט אייך געמאַכט פאַר אַ שלאַנג... איר זאָגט טאַקע, אַז ס׳איז נישט אייער „כאַראַקטער צו בעטן רחמנות ביי עמעצן". האָט איר נישט אויסגעבעטן, נאָר אויסגעשפּילט רחמנות פאַר וואַסיליסען... בראַוואָ, בראַוואָ! יידישע אַקטיאָרן, איר האָט אויסגעהאַלטן די פייער־פּראָבע!

שטילערהייט האָט ער אָבער געזאָגט צו אסתר־רחלען:

— זאָגט אייער מאַן, אַז גאָרקין טאָר מען נישט איבערזעצן אין אַ וואָך־צוויי. אייניקע ערטער זענען, ווי אַ ריבאייזן... ממש צום אָרויספלאַצן מיט געלעכטער.

קאַמינסקי האָט זיך צוגערוקט אַ נייגעריקער, וועלנדיק אויפכאַפּן פּרצס ווערטער. האָט זיך שוין פּרץ דירעקט צו אים געוואָנדן:

— און די בלעכערנע באָרד, פאַניע קאַמינסקי, מעגט איר איבערבייטן...

ער האָט פאַרענדיקט אויפן קול צו אַלע:

— נו, עולם, כ'וועל אייך שוין די טעג איבערגעבן מייך נייע דראמע „דער נסיון״. מאַדאַם קאַמינסקאַ, מיט אייך וועל איך געננוי אָרומרעדן, ווי אַזוי צו פאַרטיילן די ראָלן, ווי אַזוי אויפצופירן די זאַך. איך זע, אַז מען מעג זיך אויף אייך פאַרלאָזן!

געזעגנט האָט ער זיך מיט אַלע, אויסרופנדיק:

— פאַלט נישט אַראָפּ ביי זיך, וואָס ס'איז נאָך נישט געקומען דאָס רעכטע פובליקום פאר גאָרקיס „נאַ דניע״... גאָרקיס פובליקום וועט ערשט קומען צו אייך!...

*

גראָבע קנאָספּן האָבן געגרינט אויף די צווייגן פון די ביימער. פון דער בלאָטיקער ערד האָבן שוין געדיכט אַרויס-געקוקט פרישע גרינע גרעזעלעך.

...אין טעאַטער האָט געזשומעט, ווי אין אַ בינשטאָק: עלף אַ זייגער דאַרף פאָרקומען די לייען־פּראָבע פון פרצס „נסיון״...

...דער צופאָר פון אַ דראָזשקע האָט אָנגעזאָגט פרצס קומען. ער איז אַריין — דאָסמאָל נישט באַגלייט פון קיינעם — פריינדלעך אַ שאָקל־געטון מיטן קאָפּ פאַר אַן אַלגעמיינער באַגריסונג און צוגעגאַנגען צו אסתר־רחלען. זיינע אויגן האָבן יוגנטלעך געגלאַנצט. אין זיין גאַנג, אין יעדער באַוועגונג, האָט זיך געפילט אַ באַזונדערע אויפהייטערונג. אַ טרייסל־טוענדיק דעם כתב־יד האָט ער הויך אַ פרעג־געטון:

— נו, מאַדאַם קאַמינסקאַ, וועלן מיר צוטרעטן צום לייענען, אין אַ גוטער שעה?

אַלע האָבן זיך פֿייערלעך פֿאַנאַנדערגעזעצט. דער לוסטיקער מישאַ פּישזאָן האָט אויפֿגעהערט צו כישופֿן מיט זיינע שמייכלען, באַרואיקנדיק אויך מיט זיין בליק וויעראַ זאַסלאַווסקאַ.

מיט זיינע אויגן האָט פּרץ ארומגענומען אַלעמען ביים לאַנגן טיש, אַ רייב־געטון זיך דעם שטערן, פֿאַרטיפֿט די פֿינגער אין דער טשופּרינע און אָנגעהויבן, ווי פֿאַר זיך:

— כ'האָב מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אָפּגעדרוקט אין העברעיש אַ דראַמע „דער חורבן פֿון צדיקס הויז"... ס'זענען געדאַנקען. געדאַנקען וועגן חסידות, וועגן מענטש, וועלט... וועגן אמונה און ספֿיקות, וועגן פֿירער און פֿאָלק... וועגן קדושה און שווינדל, נשמה און תאווה... געדאַנקען...

אַ שטילקייט האָט געהערשט אויף דער בינע. דער עולם האָט אויפֿגעכאַפּט פּרצס אָפּגעהאַקטע ווערטער, זיך באַמיט זיי צו בינדן אין פּראָזן, וואָס זאָלן זיי פֿאַרשטענדלעכער ווערן. אַן ערנסט איז געווען אויסגעגאָסן אויף די פּנימער. פּרץ האָט זיך פֿאַרקוקט, געקוקט אין איין ווינקל, אין איין פּינטל:

— אָבער דאָס טויג נישט. אָפּגעריסענע געדאַנקען קאָנען דערגיין צו יחידים. איך וויל דערגיין צום פֿאָלק. כ'וויל, אַז מיין וואָרט זאָל דערגיין צום פֿאָלק... איר קענט די קונסט פֿון אָנטון ווערטער אין פֿלייש און בלוט... וויל איך מיינע געדאַנקען און ווערטער אייך איבערגעבן, זיי זאָלן ווערן לעבעדיק... זיי זאָלן ווירקן... האָב איך די זאַך באַאַרבעט אין יידיש... געענדערט, צוגעשריבן... ס'איז מיין ערשטע גרויסע זאַך פֿאַר דער בינע... כ'וועל עס איבערגעבן אין אייערע הענט...

אַ געדיכטע שטילקייט איז געהאָנגען איבער דער בינע. פּרץ האָט זיך איינגעהילט אין דער שטילקייט, פֿאַרמאַכט די אויגן...ביידע הענט האָט ער אַרויפֿגעלייגט אויפֿן טיש, דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן. באַלד אָבער האָט ער אויפֿגעריסן די

אויגן, געעפנט דאָס שער־בלעטל פון כתב־יד און אָנגעהויבן צו לייענען...

...אַ בילדל פון ראש השנה אויף אַ רבישן הויף. עולם גייט צו תשליך, מען דערציילט זיך וווּנדערלעכע מעשיות וועגן דעם רבינס ניסים... אין דעם רבינס שטוב שפּילט זיך אָפּ אַ שרעקלעכע זאַך: דעם רבינס אייניקל גייט אַוועק אויף גליטשיקע וועגן מיטן טריפהנעם אַפּטייקער... דער רבי פאַרשילט זיין אייניקל, וואָס ענטפערט אים עזותדיק. זי וואַרפט אים פאַר, פאַר אַלע אין די אויגן, אַז ער — דער רבי — איז אַ שווינדלער, אַז ער פאַרשפּרייט פינצטערניש... זי וויל אַוועק אין דער ליכטיקער וועלט, וועלכע עס עפנט פאַר איר דער אַפּטייקער... עס פילט זיך דער אונטערגאַנג פון צדיקס הויז, וואָס ווערט אונטערגעגראָבן פון יונגן דור.

פרץ האָט געלייענט הויך און דייטלעך. ערטערווייז האָט ער אָנגעהויבן מיט די ווערטער אויסצוזינגען אַ ניגון, וואָס האָט אומהיימלעך אָפּגעקלונגען אין ליידיקן זאַל. ערטערווייז האָט ער ווידער אָנגעהויבן צו שליידערן אָפּגעהאַקטע פראַזן — ס'איז שווער געוואָרן צו כאַפּן דעם פאָדעם פון געדאַנק. די שטים זיינע איז דאַן געוואָרן פאַרשטיקט אין האַלדז, הייזעריקלעך. דער קאָפּ האָט זיך איינגעגראָבן אין די אַקסלען... פלוצלינג האָט ער שאַרף אַרויפגעוואָרפן דעם קאָפּ, אַראָפּגעלאָזט די הענט און אָנגעהויבן צו לייענען מאָט, קלאַנגלאָז כמעט. באַלד האָבן אָבער ווידער אָנגעהויבן צו פליסן קלינגענדיק־אַרויסגעזאָגטע ווערטער, לייכט־אַקצענטירטע זאַצן, אַ חסידישער ניגון.

אייניקע סצענעס, וואָס זענען קאַרג געווען אָנגעלאָדן מיט וואָרט, האָט פרץ אויסגעברייטערט מיט פויזעס, אויסגעפּולט מיט אַ באַוועגונג פון דער האַנט, מיט אַ הויב פון אַקסל, מיט אַ בלישטש פון די אויגן. אַזוי האָט ער כמעט אָן אָן איבערייס

איבערגעלייענט אַלע פיר אַקטן און פאַרענדיקט מיטן אויסגעשריי.

— דו שווייגסט אויך? שווייגסט? גאָ־אָ־אָט!...

אַ מידער האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געבליבן זיצן מיט פאַרמאַכטע אויגן.

אַלע אַרום זענען געזעסן שטיף, מורא געהאַט מיט אַ באַוועגונג איבערצורייסן די געדיכטע שטילקייט. צייטנווייז האָט זיך בלויז געהערט דאָס פאַרשטיקטע סאָפּען פון אַלטן פישזאָן. אויך אסתר־רחל האָט געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן. אויף איר אָנגעשטרענגט פּנים האָט זיך אָנגעזען אַן אינטענסיווע אַרבעט פון מוח.

די שטילקייט האָט איבערגעריסן פּרץ אַליין. ער האָט לאַנג אָנגעקוקט די אָנוועזנדיקע. אין זיינע אויגן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די מידקייט פון נאָכן לייענען. אָבער גלייך איז די מידקייט פאַרטריבן געוואָרן פון לוסטיקע פייערלעך:

— נו, לאָמיר הערן וואָס איר טראַכט וועגן דעם?

איצט האָט שוין אברהם פישזאָן זיך פאַרגונען אַ העכערן סאָפּע צו טון און קאַמינסקי האָט פאַרזיכטיק אָנגעהויבן:

— ס'איז, פאַרשטייט זיך, אַן אָריגינעלע זאַך, אַ דיכטערישע זאַך... פּאָעזיע! אַזעלכעס איז נאָך אויף דער יידישער בינע נישט געווען... נאָר מיר דוכט זיך, אַז עס פעלט די גאַנצקייט... ס'זעט אויס, ווי אָפּגעריסענע אַקטן, וואָס זענען שוואַך פאַרבונדן צווישן זיך...

פּרץ האָט אָנגעכמורעט די געדיכטע ברעמען און אַ צופּ־געטון די וואָנסעס. פּלוצלינג האָט זיין אויפמערקזאַמקייט צוגעצויגן דער יונגער מישאַ פישזאָן, וואָס האָט געלויכטן מיט זיין עלעגאַנץ און שיינקייט:

— און וואָס טראַכט איר, הער...

— פישזאָן, מישאַ פישזאָן...

— יאָ, הער מישאַ פּישזאָן.

יענער האָט זיך אײנגאַנצן פאַרלוירן, נײערט זיך באַמיט צו דעקן זײן פאַרלוירנקײט מיטן ברײטן שמײכל. ער האָט געזוכט פאַרזיכטיק די ווערטער אויף צוניפּצושטעלן עפּעס אַן ענטפער:

— איך... איך... זעט איר... מיר איז דאָס „סכרידישע" לעבן ווײניק באַקאַנט.. איך פאַרשטײ זיך מער אויפן אײראָפּעישן...

מיט בײזע בליקן האָבן אים איצט אַ שניט־געטון פּרצס אויגן. ס׳האָט אים נישט געאַרט, וואָס זײן ווערק האָט נישט אַרויסגערופן קײן באַגײסטערונג בײ די אַקטיאָרן. סוף־כל־סוף איז ער נאָך אַלײן נישט געווען זיכער אין דער רײפקײט פון זײן ווערק. נײערט ס׳האָט אים פאַרדראָסן, וואָס אַזאַ יונגער, עלעגאַנטער ײדישער אַקטיאָר, וועלכער מאַכט דעם אײנדרוק פון אַן אינטעליגענט, קען רעכט נישט אַרויסזאָגן דאָס וואָרט „חסידישע". ער האָט מיט שטוינונג אַ קוק־געטון אויף אסתר־רחלען, וועלכע האָט דעם בליק זײנעם באַטראַכט, ווי אַ פראַגע צו איר. אַ טיפער קנײטש האָט זיך אױעקגעלײגט צווישן אירע ברעמען:

— הער פּרץ, זוכט נישט בײ אונדז קײן מבינות אויף אײער ווערק. מיר זענען פּראָסטע מענטשן, וועלכע פילן מער, ווי זײ פאַרשטײען. מיר דאַרפן טאַקע לערנען דאָס פאָלק, אָבער מיר אַלײן דאַרפן ערשט געלערנט צו ווערן... לערנט אונדז, הער פּרץ! מיר וועלן אײך פאָלגן. מיר וועלן געבן פון זיך אַלץ, וואָס מיר פאַרמאָגן, גיט איר אונדז אײער געדאַנק... אפשר איז מײן מאַן גערעכט, אַז סצעניש פעלט עפּעס דער זאַך... וועלן מיר זיך צוזאַמען באַמיען עס צו פאַריכטן, אויב איר וועט אונדז וועלן העלפן...

פּרץ האָט אויטאָמאַטיש געבלעטערט דעם כתב־יד, דאַן נערוועז אַ ריס־געטון די וואָנסעס, אַ פּלאָשע געטון מיט דער

האַנט די האָר... ער האָט זיך שאַרף אַ קער־געטון צו אסתר־רחלען, טיף אַריינגעקוקט אין אירע אויגן. פריילעכע פייערלעך האָבן זיך ווידער צעשפּילט אין זיינע שוואַרצאַפּלען און אַן אויפגעהייטערטער האָט ער געזאָגט:

— מיר וועלן זיך צוזאַמען באַמיען?... גוט, איך, וועל פּרוּוון... נעמט איבער די פּיעסע, מאַדאַם קאַמינסקאַ. איך וועל אייך העלפן. כ׳וועל קומען צו רעפּעטיציעס, אויב איר וועט רעפּעטירן נאָכמיטיק. פּאַרמיטיק וועלן מיך מיינע מתים נישט לאָזן! — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ וויץ אויפן חשבון פון זיין אַרבעט אין דער גמינע.

*

קיינמאָל האָבן די אַקטיאָרן פון יידישן טעאַטער אַזוי ערנסט נישט געאַרבעט איבער אַ פּיעסע, ווי יענעם ערב פּסח. ס׳איז געווען די ערגסטע צייט פון סעזאָן — „מען איז בודק־חמץ די קאַסע״, האָבן זיך לצים געוויצלט — איז מען גאַנצע טעג אָפּגעלעגן אין טעאַטער און רעפּעטירט.

...אויף יעדער נאָכמיטיק־פּראָבע איז פּרץ אַליין געקומען. מען האָט אויפסניי אָנגעהויבן איבערצומאַכן סצענעס. אַ הנאהדיק שמייכל האָט זיך צעגאָסן איבער פּרצס פּנים, ווען ישראל דער גבאי האָט געפּרוּווט משפיע צו זיין דעם אַלטן צדיק:

— אַזוי... אַזוי... דריק אויף... דערדריק אים, — האָט פּרץ געשעפּטשעט.

ישראל אַטאַקירט מיט דעם צדיקס אבות, מיט מלאכים און פון זיי קריכט אַרויס: דער הויף, חסידים, געשעפטן, תקיפות און מאַכטגיריקייט. דער אַלטער צדיק רעדט וועגן נשמה, ספיקות, פּיין און פון די ווערטער פּילט זיך אַרויס: שקיעה, אונטערגאַנג, אומגלויבן.

— דאָס איז עס... דאָס וויל איך... — מורמלט פּרץ.

אָבער אָט קומט ישראל אַריבער צו יהונתנען — אין שטוב פון זיין שווער, דעם מתנגד. פּרץ הייבט אָן צו ציען מיט די ברעמען, צו דרייען זיך אויפן בענקל. פּלוצלינג רייסט ער שאַרף איבער:

— ניין, ס'טויג נישט... ס'איז נישט דאָס. אפשר בין איך שולדיק. לאָמיר איבערמאַכן די סצענע...

ער שלעפּט אַרויס דעם טעקסט פון הערמאַן פישערס הענט — ענדערט, שלייפט, שרייבט צו. די אַקטיאָרן שטייען אָנגעצויגן, שמועסן זיך דורך אין דער שטיל. אַ געשפּאַנטע רואיקייט, וואָס דעקט צו דעם קוים־באהערשטן נערוון־אויסברוך. פישער שרייבט אויף דער גיך איבער די געענדערטע סצענעס און די אַקטיאָרן הויבן עס אָן איינצולערנען פון דאָסניי.

די טעקסטן, וואָס ווערן איבערגעשריבן פון פישערן, קאָנטראָלירט פּרץ אַליין. מיטאַמאָל — וואָס איז דאָס? — איין טעקסט ווערט איבערגעשריבן מיט לאַטיינישע אותיות. פּרץ וואַרפט אַ פרעגנדיקן בליק צו אסתר־רחלען.

— ער קען נישט לייענען קיין יידיש... — רוימט אים אסתר־רחל איין אויפן אויער.

פּרץ איז אויסער זיך:

— ממנע! יידישע קינסטלער!

איצט קוקט ער שוין אויף די איבעריקע אַקטיאָרן שאַרף פאַרשנדיק זייער יעדע באַוועגונג און אויסדרוק. ער אָבסערווירט, ווי אַזוי ווער עס לייענט דעם טעקסט, ווי עמעצן קומט אָן דאָס לייענען, וואָס עס דריקט אויס זיין פּנים ביים איבערלייענען. אַזוי אָבסערווירנדיק באַמערקט ער, ווי איינער פון די אַקטיאָרן קוקט אין טעקסט, ווי אַ האָן אין בני־אדם. באַלד כאַפּט ער אויך

אויף פישערס פּאַרקוועטשטע שטים, ער דערהערט ווי פישער סופלירט יעדעס וואָרט דעם אַקטיאָר.

— וואָס איז דאָס ווידער ?

— ער קען בכלל נישט לייענען, — פאַרשעמט זיך אסתר־רחל.

פּרץ האָט זיך אַזש צוגעזעצט פון איבעראַשונג :

— אָרעם, אָרעם יידיש טעאַטער...

נאָר דערזעענדיק דעם טיפן צער אין אסתר־רחלס אויגן, האָט ער געזאָגט, ווי אויף צו פאַרגיטיקן :

— און אַזוי רייך אין טאַלאַנטן...

*

די פּראָבן זענען געגאַנגען אַלץ נערוועזער. כסדר און אַלץ עפּטער איז פּרץ געקומען מיט ענדערונגען — צוגעשריבן, אַראָפּ־גענומען. אסתר־רחל האָט געפּרוּווט אים דערווייזן, אַז —

— דאָס קאָן נאָך ערגער מאַכן... זיי וועלן אָנהייבן צו פּלאָנטערן, וועלן נישט באַווייזן צו באַהערשן דעם נייעם טעקסט...

— איך זע דאָך אָבער, אַז אַזוי טויג נישט... מען מוז ענדערן... אַז היינט געפעלט מיר דער פראַגמענט אינגאַנצן נישט... און אַז מען דאַרף, קאָן איך אַפילו צען מאָל ענדערן איין זאַך.

— אויפן פּאַפּיר לאָזט עס זיך לייכט מאַכן. מענטשן, אַקטיאָרן, מוזן זיך איינלעבן... איבערלעבן... ס׳קאָן ביי זיי ווערן אַ צעמישעניש.

— איך וועל זיי אַליין באַווייזן ווי אַזוי עס צו מאַכן...

און פּרץ איז אַרויף אויף דער בינע, אָנגעהויבן געבן צו פאַרשטיין דעם אַקטיאָר וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. האָט ער אָבער געזען, אַז יענער קוקט אויף אים מיט טעמפּע, נישט־פאַרשטייענדיקע אויגן — דאַן האָט ער זיך באַמיט אַליין

אַפּצושפּילן די סצענע. זיין באַוועגלעכע פיגור, וואָס האָט — טראָץ דער פוללייביקייט — פאַרמאָגט אַן עלאַסטישקייט און אַפילו יוגנטלעכן חן, איז אָבער פּלוצלינג געוואָרן האַמעטנע, די באַוועגונגען אָנגעגאָסן מיט בליי. בלויז זיין שטים האָט נישט אויפגעהערט געוואַלדיק צו ווירקן. אינטאָנאַציעס האָבן געהאַט אַ קלאַנגפולע פאַרביקייט און אַן אויסדרוק, וואָס איז באַגלייט געוואָרן מיט פייער־שפּריצן פון די אויגן. די אַקטיאָרן האָבן זיך אַפילו באַמיט אויפצוכאַפּן דעם אויסדרוק צוזאַמען מיט די אינטאָנאַציעס, איז אָבער אַרויסגעקומען דערפון בלויז נאָכמאַ־כעניש.

געוואָלט האָט פּרץ אילוסטרירן פאַר די אַקטיאָרן דעם אינערלעכן געראַנגל פונעם אַלטן רבין, די ספיקות פון זיין זון, די אויפברויזן פונעם אייניקל, די האַרצלאָזע קעלט און ס׳תקיפות פון ישראל דעם גבאי.. אָבער אַרויסגעקומען איז ביי אים עפּעס אַנדערש, ווי ער האָט געטראַכט און ביי די אַקטיאָרן — עפּעס אַנדערש, ווי פּרץ האָט געוואָלט. אסתר־רחל האָט זיך באַמיט — אויף וויפל זי האָט עס אַליין פאַרשטאַנען — געבן צו פאַרשטיין זיינע געדאַנקען די אַקטיאָרן אויף זייער שפּראַך, אויסגעטיישט זיי אַלץ מיט זייערע פּרימיטיוו־טעכנישע באַצייכענונגען. האָבן זיך טאַקע מאָמענטנווייז אָנגעהויבן צו באַווייזן פאַרגאַנצטע סצענעס, בעת וועלכע פּרץ האָט אויפגעלויכטן. אין אַזאַ מאָמענט האָט ער מסכים געווען צו לאָזן די פּרעמיערע.

מען האָט אַרויסגעלאָזט אַן אַפיש. נאָך דעם האָט פּרץ ווידער אָנגעהויבן איבערצואַרבעטן און ענדערן גאַנצע סצענעס...

*

דער 26־טער אַפּריל 1906 איז געווען דער יום־טובדיקסטער טאָג אין יידישן טעאַטער אין וואַרשע.

צום זשאַרדען ד׳היווער האָבן געשטראָמט מענטשן, וואָס האָבן ביז דאַן אַפּילו נישט געהאַט געזען די דאָזיקע גרויסע, אומהיימלעכע בודע. די גאַנצע ליטעראַרישע וועלט איז געווען אין קאָמפּלעט. פּרצס פריינד און שונאים, פאַרערער און קעגנער, אַפילו דער אַריסטאָקראַטיש־שטאָלצער נחום סאָקאָלאָוו, וועלכער האָט געפירט אַ שאַרפן וואָרט־ און פּעדער־געפעכט מיט פּרצן, האָט זיך מטריח־געווען אין דער באַגלייטונג פון זיין סוויטע. ער האָט מיט נייגיר געקוקט אויפן פאַרביקן עולם און שטילערהייט געמאַכט איראָנישע באַמערקונגען צו זיינע באַגלייטער.

די לעצטע רייען זענען פול געפאַקט געווען מיט די שטענדיקע באַזוכער — די אַרבעטער־יוגנט. אין די מיטלסטע רייען האָט מען געזען אַ געזעצטן, באַלעבאַטישן עולם. צעוואָרפן אומעטום האָבן זיך געשוואַרצט אַ סך קיילעכדיקע היטעלעך.

שטילע שמועסן האָבן זיך געטראָגן צווישן די בענק, ביז ס׳איז אָנגעקומען פּרץ מיט אַ גרויסער מחנה באַגלייטער. זיין גאַנצע משפּחה איז געווען, דינעזאָן, נאָמבערג, יונגע שרייבערס, קאַנדידאַטן אויף שרייבערס און פאַרערער פון פּרצן. ער אַליין איז אַרומגעגאַנגען אַ יום־טובדיק אויפגעהייטערטער איבערן פאָיע, שמייכלענדיק זיך באַגריסט מיט באַקאַנטע, געגעבן פריינדלעך אויף באַגריסונגען, אויף רעכטס און אויף לינקס האָבן זיינע אויגן געוואָרפן פונקען.

אין אַ ווינקל איז געשטאַנען בעל־מחשבות, וועלכער האָט כסדר פאַראָכטן די ברילן און באַמיט זיך אין עפּעס צו איבער־צייגן נח פּרילוצקין, וואָס האָט היציק געוואָלט אים דערווייזן דאָס פאַרקערטע. גרופּקעלעך מענטשן זענען געשטאַנען ביי די ווענט, אַרומגעדרייט זיך אינמיטן פאָיע. געשפּאַנטע האָבן אַלע געוואַרט אויף דעם נייעם, וואָס דאַרף זיך באַווייזן פון יענער זייט פּוראַנג.

...אַ טויט־שטילקייט האָט געהערשט אין זאַל, ווען ס'איז אַרויף דער פּוריאַנג און ס'האָבן זיך באַוויזן די ערשטע געשטאַלטן. שטיל און מיט שטימונג זענען אָפּגעשפּילט געוואָרן די ערשטע סצענעס. אַ פרישער אָטעם האָט אַ הויך־געטון פון דער בינע.

ס'דערגייט צו דער דראַמאַטישער סצענע צווישן זיידן און אייניקל. פון אסתר־רחלס מויל הייבן אָן צו פאַלן שאַרפע באַשולדיקונג־ווערטער קעגן דער חסידישער פינצטערניש און רבישער מאכט. אין זאַל האָט עמעצער אַ שטאַרקן הוסט־געטון. באַלד האָבן זיך דערהערט פון פאַרשידענע בענק שאַרפע הוסטנדיקע ענטפערס. דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן צו דרייען אויף די סקריפּענדיקע בענק.

אַקטיאָרן זענען געוואָרן נערוועז. ס'האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז זייערע ווערטער דערגייען נישט אין זאַל אַריין. האָבן זיי געהויבן דעם טאָן, אַריינגעפאַלן אין געשרייען. די אויפרעגונג אויף דער בינע איז געשטיגן. מען האָט שוין אָנגעהויבן צו פלאָנטערן די ווערטער. דער סופלאָר האָט זיך אַלץ שטאַרקער געלאָזט הערן — מען האָט אים שוין געהערט אין די גאָר ווייטע ווייטע רייען...

...אַ קעלט האָט זיך געטראָגן פון זאַל צו דער בינע. די אַקטיאָרן האָבן אָנגעהויבן מורא צו האָבן פאַר שטימונג־פויזעס, כאַפּן די ווערטער, אונטערשטרייכן נישט נייטיק געוויסע אויסדרוקן — עפּעס האָבן זיי אויסגעזען צו זיין צו שוואַך. זיי האָבן די אונטערשטרייכונגען געמאַכט מיט איבערגעטריבענע העוויות, מיט קרימען ס'פּנים, דרייען מיט די אויגן.

אין לויף פון די אַקטן איז די קעלט פון זאַל גאָרנישט קלענער געוואָרן. פאַרקערט. די פאָרשטעלונג איז דורכגעפאַלן.

אין דער באַגלייטונג פון זיין פאַמיליע איז פרץ אַרויסגעלאָפן

פון טעאַטער גלייך נאָכן פאַלן פון לעצטן פּוירהאַנג. זיין ברייטע פּעלערינע האָט געפּאַכעט מיט צוויי ברייטע פליגל. ער איז אַריינגעשפּרונגען אין דער ערשטער אָנגעטראָפענער דראָזשקע, קוים אָנגעיאָגט פון זיינע מקורבים, אַ וואָרף־געטון דעם דראָזשקאַזש.

— צעגלאַנאַ!

קיין וואָרט נישט מער אַרויסגעזאָגט דורכן גאַנצן וועג...

*

...צומאָרגנס האָט פּישזאָן טריומפירנדיק מקבל־פּנים געווען קאַמינסקין אין טעאַטער:

— נאַ, לייענט!

צענדליקער דראָונג־בריוו, אונטערגעשריבענע: „אַ גרופּע יידישע יונגעלייט", „חרדים", „חסידים", „דעם רבינס מענטשן", „אמתע יידן" — האָבן אָנגעזאָגט, אַז אויב מען וועט זיך דערוואַגן ווייטער צו שפּילן די פּיעסע, וועלן זיי פאַנאַנדערטראָגן דאָס טעאַטער. זיי וועלן נישט דערלאָזן צו אַזאַ חילול הקודש.

אַהיימקומענדיק מיט אַ שווער געמיט האָט ער שוין געטראָפן דינעזאָנען, וועלכער האָט זיך באַמיט צו באַרואיקן אסתר־רחלען. געקומען איז ער, אין פּרצס נאָמען, צונעמען די פּיעסע.

אסתר־רחל האָט זיך געוועקט:

— מיר וועלן נאָך פּרווון... זאָל דער הער פּרץ באַוויליקן נאָכאַמאָל איבערצואַרבעטן... ער האָט דאָך איצט געוויס געזען די פעלערן, אפשר קאָן ער עס פאַרבעסערן.

דינעזאָן האָט מיטפילנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— ס׳איז נישט קיין פראַגע פון פאַרבעסערן. מיר האָבן פשוט אַלע אַ טעות געהאַט. איך האָב געמיינט, אַז עס איז גוט פאַרן טעאַטער, ווייל עס איז געשריבן אין אַ טעאַטער־פאָרם... איר האָט געמיינט, אַז עס איז גוט פאַר אייך, ווייל פּרץ האָט עס אָנגעשריבן... און פּרץ האָט געמיינט, אַז איר וועט קאָנען דערזאָגן דאָס, אויף וואָס ער האָט בלויז געגעבן רמזים. איז דער שידוך נישט געלונגען. ווייזט אויס: נאָך נישט צייט פאַר פּרצן אין טעאַטער און פאַר אונדזער טעאַטער צו פּרצן...

XII

## אַ וואָרט פונעם קריטיקער

(פראַגמענט פונעם קאַפּיטל או „די מאַמע אסתּר־רחל" — „פּעטערבורגער נעכט")

...מאַרק אַרנשטיין האָט זיך באַמיט צו איבערצייגן אסתּר־רחלען, אַז זי געפינט זיך אויפן וועג צום מאָדערנעם טעאַטער, וועלכן ער, — אַרנשטיין — האָט געזען אין די ווערק פון פּשיבישעווסקי, פון סטרינדבערג, אין זיינע אייגענע ווערק. זי האָט זיך אָבער עפּעס נישט געקאָנט צונויפרעדן מיט אים. אַרנשטיין האָט פון איר פאַרלאַנגט, אַז שפּילן זאָל זי כּדי צו דעקן אירע אמתע געפילן:

— „יאָ" דאַרף אויסדריקן „ניין". דער אמת איז נישט אין ערדישן, נאָר אין איבערערדישן... בכלל איז נישט וויכטיק דער אויסערלעכער אמת, נאָר דער רוף פון בלוט.

ביי אסתּר־רחלען איז פון אַזעלכע געדאַנקען געוואָרן אַ מיש־מאַש אין קאָפּ. די געדאַנקען פלעגן זיך אָבער ביי אַרנשטיינען בייטן מיט דער שטימונג:

— קונסט דאַרף געבן די עטערישקייט פון דער נאַקעטער נשמה און אַ פיזישן גענוס. קונסט הייסט געניסן. גענוס איז דער זין פון לעבן.

אַז עס איז אַ מאָדע אויף אַזעלכע געדאַנקען האָט אסתּר־רחל געוווסט. זי האָט עס געפילט פון אַנדרייעוס זאַכן, נאָכמער פון אַרציבאַשעווס. נייערט צו איר האָט די מאָדע נישט גערעדט. זי איז אויך געווען זיכער, אַז אין „ווילנער בעל־הביתל"

בלאָנדזשעט זי. דעריבער האָט זי געשטויגט, ווען פּרץ האָט איר געמאַכט קאָמפּלימענטן:

— אייער לאה איז גוט. דאָס הייסט, איר האָט געשפּילט אויסגעצייכנט.

— איר מיינט עס טאַקע, הער פּרץ? זייט אויפריכטיק, ווייל איך בין פון זיך נישט צופרידן.

— ניין, איך מיין עס אויפריכטיק. איר האָט געשפּילט אויסגעצייכנט. איי, איר זענט איבערגעטריבן אין דער ראָל? ווי קאָן דען זיך אַנדערש! ס'איז זייער שווער זיך צו האַלטן אין אַ ראָל, וואָס איז רעאַליסטיש־סימבאָליש־דעקאַדענטיש. עס שלאָגן זיך דאָ אַלערליי ליטעראַרישע פאָרמען. מאַסנהאַפטע ווילד־פרעמדע מאָטיוון. דאָס זענט איר שוין נישט בכוח צו ראַטעווען. אָבער שפּילן שפּילט איר מייסטערהאַפט!

די שמועסן מיט פּרצן זענען פאַר אסתּר־רחלען נאָך אַלץ געווען יום־טובדיקע מינוטן. זי האָט אויפגעכאַפּט זיינע בליק־געדאַנקען וועגן טעאַטער, געזוכט צו פאַרגלייכן איר טעאַטער־ווירקלעכקייט מיט פּרצס טרוים וועגן טעאַטער. פּרץ איז מיט איר באמת געווען אויפריכטיק אין די שמועסן:

— גאַנץ צופרידן קאָן מען נאָך מיטן יידישן טעאַטער נישט זיין. אַ טעאַטער איז אַ בית־המקדש, ווו קיין פעלערהאַפטע זאַך, קיין בעל־מום, טאָר נישט אַריינקומען. און אין יידישן טעאַטער איז נאָך דאָ אַ סך בעל־מומים.

אסתּר־רחל האָט טרויעריק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— נעמט זיך נישט צום האַרצן! — האָט זי פּרץ באַרואיקט. — זעענדיק דעם פאָרשריט, וואָס דאָס יידישע טעאַטער האָט געמאַכט אין לעצטן יאָר, קאָן מען האָפן, אַז מיט דער צייט וועט זיך דאָס טעאַטער אַנטוויקלען ביז צו דער העכסטער מדרגה... צו אייער מדרגה, מאַדאַם קאַמינסקאַ, צו דער הויכער מדרגה פון אייער קונסט...

XIII

## סוף פסוק

י. ל. פרץ האָט זוכה געווען — מער ווי יעדער אַנדערער יידישער שרייבער — צו אַ גרויסער צאָל אָפּרופן. ביי זיין לעבן און נאָכמער — נאָך זיין טויט. אין דעם פּרט (אויב עס האַנדלט זיך וועגן נאָכן טויט) האָט אים סיידן איבערגעשטיגן שלום־עליכם (כאָטש אין אַלגעמיינעם סך־הכל איז ביי יעפּים ישורינען די צאָל פּאַרצייכנטע שלום־עליכם־פּאָזיציעס בלויז עפּעס מער ווי אַ העלפט פון די פּרץ־פּאָזיציעס). ס'האָט זיך געשאַפן אַ גאַנצע פּרץ־ליטעראַטור.

איז טאַקע אַמאָל אינטערעסאַנט אַ בלעטער צו טון אַלטע שמות; דאָס, וואָס מ'האָט מיט יאָרן צוריק געשריבן וועגן פּרצן. דאָס, וואָס עס האָבן געשריבן זיינע בני דור ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן; און דאָס, וואָס מען שרייבט יאָרן נאָך זיין טויט — באַזונדערס ביי דער געלעגנהייט פון אַ „קיילעכדיקער דאַטע". ווייל דאָן בעיקר ווערט די שפע פון — גרינטלעכע און געלעגנהייט־לעכע — אַרבעטן וועגן שרייבער.

ביז גאָר אינטערעסאַנט זענען פאַר מיר די אָפּרופן פון פּרצס מיטצייטלער — סיי פון דוד פרישמאַן, אַ שטייגער, וועלכער איז געווען דער געשוואָוירענער נעגירער פון דער פּרץ־ליטעראַטור און האָט מיט זיין שאַרפן סאַרקאַזם אומברחמנותדיק געריסן אַלץ, וואָס איז אַרויס פון אונטער פּרצס פעדער; סיי פון דעם אָנגעזעענסטן קריטיקער פונעם פּרץ דור — בעל־מחשבות.

בעל־מחשבות איז נישט געווען — ווי ס'איז עס שפּעטער

געוואָרן ש. ניגער — דער אַלץ־אַרומנעמענדיקער קריטיקער פון פּרצס שאַפן (ער איז עס גיכער געווען לגבי מענדעלע מוכר ספרים, אָדער — ווי ער פלעגט אים געוויינלעך רופן: דעם הער אַבראַמאָוויטש). דאָך געפינען מיר אין אַלע אַלגעמיינע איבער־זיכטן זיינע וועגן דער יידישער ליטעראַטור — אינטערעסאַנטע געדאַנקען און אָפּשאַצונגען פון פּרצס אָרט און באַדייטונג אין דער יידישער ליטעראַטור. אַ גרעסערע גאַנצע אַרבעט פון בעל־מחשבותן וועגן פּרצן איז געשריבן געוואָרן צו פּרצס יובילײ (25 יאָר ליטעראַרישע טעטיקייט און 50־יאָריקער געבוירן־טאָג), וועלכער איז געפייערט געוואָרן אין יאָר 1901 מיט אַ גרויסן פּאַרנעם אין דעמאָלטיקן רוסלאַנד, וואָס האָט אין זיך איינגעשלאָסן פּוילן, דאָס פּוילן פון פּרצן.

ווילט זיך פון דער דאָזיקער גרעסערע אַרבעט פונעם ערנסטן און וואָגיקן יידישן קריטיקער ברענגען אַ ציטאַט, וואָס פּאַלט זיך צונויף מיטן אַלגעמיינעם אויסקלאַנג און צילגע־ווענדטקייט פון דער איצטיקער אַרבעט:

„...דעם טיפן אָפּקלאַנג האָט פּרץ געפונען אין די גרויסע מאַסן פון יידישן פאָלק, וואָס האָט ליב זיין „פּראָסט יידיש" און לעבט נאָר מיט אים אַליין. דאָרטן, צווישן זיי, געפינען זיך זיינע טרייע איבערגעגעבענע לעזער, וועלכע שלינגען יעדעס וואָרט זיינס מיט דעם חשק פון אַ הונגעריקן און זויגן איין אין זיך זיינע געדאַנקען מיט אַ טיפער דאַנקבאַרקייט צו ד ע ם, וועלכער האָט שטענדיק געוווסט ווי מען דאַרף  ו ו ע ק ן  (מיין אונטער־שטרייכונג — י. ט. ג.) זייערע פאַרשלאָפענע געפילן"...

פאַר בעל־מחשבותן איז פּרץ געווען „דער אמתער פאָלקס־פּאָעט, וועלכער שעפּט פון טיפסטן ברונעם, וועלכער זוכט דעם מענטשן אין די טיפע קעלערן פון פאָלקס־לעבן". פאַר אים איז אויך נישט קיין ספק, אַז אַזאַ פּאָעט האָט געמוזט „רעדן די

שפּראַך פון פאָלק״; אַז נאָר אין דער שפּראַך קאָן ער נתגלה ווערן אין דער פולער מאָס און בלויז אין דער שפּראַך האָט געקאָנט ביי אים נתגלה ווערן דאָס פאָלק — מיט זיינע נויטן, ליידן, פריידן, האָפנונגען, חלומות — די נשמה פון פאָלק. די נשמה פונעם פאָלקס־לעבן, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין דער נשמה פונעם דיכטער.

און נאָך וועגן איין אַקצענט אין די בעל־מחשבות־אַרויס־זאָגונגען: כאָטש דער קריטיקער האָט אַ שפּאָר ביסל געשריבן וועגן יידיש טעאַטער און דראַמע, האָט ער זיך נישט באַזונדער אָפּגעשטעלט ברייטער אויף פּרצס דראַמאַטורגיע. אָבער שרייבנדיק וועגן אַנדערע — וועגן שלום אַשן, דוד פּינסקי, פּרץ הירשביין, אָדער וועגן טעאַטער אין אַלגעמיין — האָט ער נישט דורכגעלאָזט קיין איין געלעגנהייט כדי צו אילוסטרירן: מיט אַ פאַרגלייך צו פּרצן, אָדער מיט דערמאָנען פּרצן. אַ שטייגער:

„די יידישע דראַמע, אין דער געשטאַלט פון אירע פאָרשטייער י. ל. פּרץ (וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו זיין דער יינגסטער אונטער די יונגע), דוד פּינסקי, שלום אַש, פּרץ הירשביין, קאַצענעלסאָן א. אַ. וו.״... („די לעצטע ליטעראַרישע עפּאָכע״).

ענלעכס אויך — ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, ווען ער האָט גענומען אַ וואָרט וועגן די פּראָבלעמען פון יידיש טעאַטער. דאָס איז ווידער אַ באַשטעטיקונג פון דעם עיקר־געדאַנק, וואָס איז אַרויסגערוקט געוואָרן אין דער איצטיקער אַרבעט: וועגן דער גרויסער ראָל פונעם טעאַטער אין פּרצס שעפערישן לעבן און געדאַנקען־גאַנג, ווי אויך — וועגן דער באַדייטונג פון פּרצן פאַר דער אַנטוויקלונג פון יידישן טעאַטער אין יענע טעג פון דער פרי־דערוואַכונג פונעם טעאַטער; וועגן דער השפּעה פונעם פּרץ־עלעמענט אויף דער פאָרמירונג פונעם בעסערן יידישן טעאַטער.

אוודאי קאָנען מיר געפינען מער מאַטעריאַלן וועגן דעם ביי אַנדערע שרייבער, דער עיקר — ביי ספּעציעלע טעאַטער־שרייבער, ווי זילבערצווייג, אָדער דעם מקורב פון פּרץ־קרייז אין ווארשע, דעם אַמעריקאַנער אַקטיאָר און שרייבער אברהם טייטלבוים. אָבער ביי טייטלבוימען זענען פאַראַן זכרונות־אַנטציקונגען פון אַ יונגן אָנפאַנגער, וואָס איז שטאַרק געווען אונטערן צויבער פון דער פּרץ־פּערזענלעכקייט, ממש פאַרבלענדט פון פּרצס גלאַנץ; ביי ז. זילבערצווייגן האָבן מיר בעיקר צו טון מיט אַ קאָמפּילאַטיוון מאַטעריאַל, אָן פּרווון פון אייגענער סינטעז און אָפּשאַצונג; ביים ד״ר מוקדוני (סיי אין זיינע זכרונות, סיי אין באַזונדערע אַרבעטן) — אַ פּערזענלעך־אַנגאַזשירטן צוגאַנג פון אַ שרייבער, וועלכער איז אַליין געווען באַטייליקט (אָפּטמאָל מיט אַ סך פאַרביסנקייט און פאַרביטערונג) אין די טעאַטער־געראַנגלען, דיסקוסיעס און פאַרמעסטן. דאַקעגן ביי בעל־מחשבותן זענען געווען אָביעקטיווע, דורך־אַגבדיקע באַמער־קונגען, אָן אַן אינדיווידועלן אַנגאַזשירן זיך אינעם עצם־ענין (איך שטעל זיך נישט אָפּ ספּעציעל אויף די פאַרנעמיקע אַרבעטן פון ש. ניגער, נחמן מייזיל א. אַ., ווייל דאָס וואָלט אונדז שוין צו וויט פאַרפירט).

די גרעסטע טיילן פון דער איצטיקער אַרבעט (וואָס איז צו דער 50־טער יאָרצייט פון י. ל. פּרץ ספּעציעל צוגעגרייט און אויסגעברייטערט געוואָרן) זענען קודם־כל פאַרבונדן מיט דער פראַגע: „י. ל. פּרץ און טעאַטער״. דער פאַראַלגעמיינערטער נאָמען „י. ל. פּרץ, דער וועקער״ האָט טאַקע אויך אַ גרויסע שייכות צו דער דאָזיקער טעמע, עס וואַרפט אָבער גלייכצייטיק אָן אָפּשייך אויף דער גאַנצקייט פון דער דערשיינונג „י. ל. פּרץ״ אינעם יידישן לעבן, אויף דעם פאַרנעם פון דער פּרץ־פּערזענ־לעכקייט.

XIV

# ביאָ־ביבליאָגראַפישע נאָטיצן

(לויט זלמן רייזענס „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור")

1852.18.5, איז אין זאַמאָשטש (פוילן) געבוירן געוואָרן יצחק לייבוש פּרץ. דער פּאָטער — יהודה (1825—1898) און מוטער — רבקה, פון דער היים לעווין (1828—1914).

באַמערקונג: לויט געוויסע מאַטעריאַלן זאָל די דאַטע פון פּרצס געבוירן האָבן געווען דער 25.5.1851 און לויט דער דאַטע איז געפייערט געוואָרן זיין יובל צוזאמען מיטן יובילייַ פון 25 יאָר פון דער ליטעראַרישער טעטיקייט (אין יאָר 1901).

די משפחה פּרץ האָט געשטאַמט פון שפּאַניע און דורך דייטשלאַנד געקומען קיין פוילן. איינע פון די עלטער־באָבעס, בייטשע פּרץ (אין פראַנקפורט דמאַין) איז געווען באַרימט מיט איר לומדות און חכמה. דער פּאָטער, יהודה פּרץ, איז געווען אַ סוחר און כלל־טוער, שוין אַ ביסל געכאַפּט אין וועלטלעכקייט (מן־הסתם צוליב די האַנדלס־רייזעס קיין אויסלאַנד), אָבער די מוטער איז געווען שטרענג־פרום און אין דער ריכטונג דערצויגן איר זון.

צו דריי יאָר איז י. ל. געגאַנגען אין חדר אַריין; צו 6 יאָר — געלערנט גמרא, אַוועקגעשיקט געוואָרן שפּעטער קיין שעברשין לערנען צו אַ גרויסן בעל־תורה, צוריקגעקומען אַ היים, געלערנט קבלה, געשמט פאַר אַן עילוי. צו 18 יאָר אָנגעהויבן אינטערעסיוו צו לערנען וועלטלעכע לימודים ביים אָרטיקן לערער שטערן (זון פון באַרימטן מאַטעמאַטיקער) און

דער עיקר — אליין זיך געלערנט. ס׳איז אים געלונגען צו באַקומען די שליסעלעך צו אַ רייכער פּריוואַט־ביבליאָטעק און ער האָט ממש אַנגעהויבן צו שלינגען אַלע ביכער, וואָס זענען אים געקומען אין דער האַנט; אַליין זיך אויסגעלערנט פרעמדע שפּראַכן און געוואָרן אַן אויטאָדידאַקט אויף פאַרשידענע געביטן. די פרומע שטאָט האָט אים דערפאַר אַ נאָמען געגעבן „לייבושל משומד" און די פרומע מאַמע האָט שוין אָפּגעהיט ער זאָל — וואָס פריער חתונה־האָבן. ער האָט אַ שידוך געטון מיט דער טאָכטער פונעם משכיל און שרייבער גבריאל־יודל ליכטענפעלד, זיך באַזעצט אין אַפּט (אָפּאַטווו), דאַן אין צויזמער (סאַנדאָמיעזש) און לסוף אַריבער קיין וואַרשע אויף אַ צייט (1876—1877).

זייט יאָרן: געשריבן פאַר זיך לידער — אַקטועלע, סאַטירישע — אין העברעיִש, דאַן אין פּויליש.

1875 — דעביוטירט אין „השחר" מיט זיינס אַ סאַטיריש ליד (העברעיִש).

1877 — צוזאַמען מיט זיין שווער — אַרויסגעגעבן דאָס ערשטע ביכל העברעיִשע לידער „ספורים בשיר ושירים שונים" (די מערהייט לידער אין ביכל זענען ג. י. ליכטענפעלדס).

י. ל. גט זיך מיט דער פרוי, באַזעצט זיך צוריק אין זאַמאָשטש, האָט חתונה מיט נחמה־רחל (העלענע) רינגעלהיים, האַלט אויס עקזאַמען אַלס פּריוואַט־אַדוואָקאַט (שטודירנדיק אליין דעם קאָדעקס) און פּראַקטיצירט 10 יאָר אין דעם באַרוף, דערווערבנדיק זיך אַ נאָמען אַלס גוטער אַדוואָקאַט.

אין יענע יאָרן שרייבט ער שוין מער, — סיי העברעיִש, סיי יידיש, — נעמט אָבער נישט ערנסט זיין שרייבן, גייערט זיינע לידער וואַנדערן שוין אין פאָלק און מאַכן אים פּאָפּולער. באַזונדערס ווערט ער אָבער פּאָפּולער צוליב זיינע פאַרלעזונגען וועגן יידישער געשיכטע, וועלכע ער האלט אויף די ערשטע

פריוואַטע קורסן, וואָס ווערן פון משכילים אָרגאַניזירט אין זאַמאָשטש. די „אַפּיקורסישע קורסן" ווערן אָבער גיך פאַרמאַכט דורך דער פּאָליציי צוליב אַ מסירה פון פאַנאַטיקער.

1886 — הייבט אָן צו דרוקן אין נחום סאָקאָלאָווס „האסיף". אין דער פּאָעמע „מנגינות הזמן" פאַרטיידיקט ער אין העברעיש די יידישע שפּראַך „דעם לשון, וואָס האָט אין זיך איינגעזאַפּט דאָס געוויין פון אונדזערע עלטערן, דעם וויגעשריי פון די דורות".

אין דעם זעלבן יאָר הייבט ער זיך אָן צו דרוקן אין „הצפירה".

1888 — באַווייזט זיך אין שלום־עליכמס „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק" די פּאָעמע „מאָניש" — דער פאַקטישער אָנהייב פון י. ל. פּרצס ליטעראַרישער טעטיקייט אין יידיש.

1889 — צוליב אַ מסירה (אַז ער איז אַ סאָציאַליסט) פאַרלירט ער די רעכט אויף אַדוואָקאַטישער פּראַקטיק און באַזעצט זיך אין וואַרשע. נעמט דאַן אָנטייל אין דער סטאַטיסטישער עקספּעדיציע פון יאַן בלאָך איבער די יידישע שטעטלעך פון פּוילן (אין רעזולטאַט ווערט — אַ צייט שפּעטער — געבוירן זיין ווערק „בילדער פון אַ פּראָווינץ־רייזע").

נאָכן צוריקקומען פון דער עקספּעדיציע באַקומט ער אַ פּאָסטן אין דער יידישער גמינע (קהילה) אין וואַרשע און פאַרבלייבט שוין אויפן פּאָסטן ביז זיין טויט.

1890 — יעקב דינעזאָן גיט אַרויס (מיט זיין הקדמה) י. ל. פּרצס ביכל „באַקאַנטע בילדער". דער אָנהייב פון דער נישט־צערייסלעכער פריינדשאַפט צווישן פּרץ מיט דינעזאָן.

אין וואַרשע איז פּרץ די ערשטע צייט נאָענט צו די העברעיִשע שרייבער־קרייזן, האַלט העברעיִשע רעפעראַטן אין

דער חברה „שפה ברורה". צוזאַמען מיט י. דינעזאָנען לערנט ער אָרעמע קינדער (בחינם) העברעיש.

1891 — הייבט י. ל. פּרץ אָן אַרויסצוגעבן, צוזאַמען מיט י. דינעזאָן — די זאַמלביכער „די יידישע ביבליאָטעק". זיין היים, אויף דער ציגל־גאַס 1 אין וואַרשע, ווערט אַ צענטער פון יידישן שאַפן און שאַפער.

1894 — דערשיינט די זאַמלונג פון העברעישע ליבע־לידער „האוגב". דעם זעלבן יאָר הייבן אָן צו דערשיינען די „יום־טוב־בלעטלעך" (ערשטער נומער אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיט מרדכי ספּעקטאָר, ווייטערדיקע — מיט דוד פּינסקי), ווי אויך די זאמלביכער „ליטעראַטור און לעבן" — צוזאַמען מיט דוד פּינסקי.

די „יום־טוב־בלעטלעך" שפּילן אָפּ אַן אומגעהויערע ראָל אין דער דערוואַכונג פון דער יידישער יוגנט. פּרץ דערגענטערט זיך צו די אַרבעטער־קרייזן, עס הייבן זיך אָן ביי אים רעוויזיעס און צוליב פאַרפאָלגונגען מוז ער אויפגעבן (אין 1896) זיינע אויסגאַבעס.

1899 — אַרעסט. פּרץ זיצט אָפּ אייניקע חדשים אין דעם טרויעריק־באַרימטן „צענטן פּאַוויליאָן" פון דער וואַרשעווער פעסטונג.

נאָך דער באַפרייונג — הייבט ער זיך אָן צו דרוקן אין דער צייטונג „דער יוד".

1901 — יובל און יובילעי פון 25 יאָר ליטעראַרישער טעטיקייט. עס דערשיינען די „שריפטן" און אויך די העברעישע אויסגאַבע „כתבים".

1902 — ערשטע רייזע קיין אויסלאַנד (שווייץ) צוליב דער האַרץ־קראַנקייט; זייט דאַן — יעדעס יאָר אַ רייזע קיין אויסלאַנד.

1903 — אָנהייב פון אינטענסיווער דראַמאַטורגישער טעטיקייט: „חורבן פון צדיקס הויז", אַ דראַמע אין העברעיש, וואָס ווערט

שפּעטער (1905) באַאַרבעט אין יידיש (און אויפגעפירט) אַלס „נסיון" און לסוף ווערט זי פאַרוואַנדלט אין „די גאַלדענע קייט".

1904 — דערשיינען „פאָלקסטימלעכע געשיכטעס" און „חסידיש". מיטאַרבעט אין דער טאָגצייטונג „פריינד" און אין די העברעישע אויסגאַבעס „הצופה", „הדור" (פון דוד פרישמאַן), „אחיאסף", „השלח" (פון נחום סאָקאָלאָוו). באַנייט „די יידישע ביבליאָטעק".

1905 — מיטאַרבעט אין כמעט אַלע יידישע און העברעישע אויסגאַבעס אין רוסלאַנד.

1906 — פעליעטאָנען און טעאַטער־רעצענזיעס אין דער פּרעסע; אָנהייב פון דער באַוועגונג פאַר אַ ניי יידיש טעאַטער, פאַרשטאַרקטע דראַמאַטישע שאַפערישקייט. אין משך פון אייניקע יאָר — די איינאַקטערס, „די גאָלדענע קייט", „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", „אין פּאָליש אויף דער קייט" א.א.וו.

1907 — באַנייט „ליטעראַטור און לעבן", אַרויסגעגעבן „יידישע וואָכנשריפט".

1908 — די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, פּרץ דער וויצע־פּאָרזיצער, ווערט די אָנערקענטע צענטראַלע פּערזענלעכקייט פון יידישן קולטור־שאַפן. טורנע מיט לעקציעס איבער גאַליציע.

1910 — זאַמלבוך „יידיש". י.ל.־פּאָרזיצער פון דער יידישער ליטעראַרישער געזעלשאַפט אין וואַרשע.

1911 — אַקציע פאַרן אויפבוי פון אַ קינסטלעריש יידיש טעאַטער: אַרויסטריטן, רעפעראַטן, רייזעס.

1912 — „הזמיר", רעפעראַטן „קעסטל־אָוונטן". י.ל.־וויצע־פּאָרזיצער און דערנאָך פּאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט.

1914 — קינדערהיימען און יידישע שולן פאַר קינדער פון די מלחמה־געליטענע. פּרץ און דינעזאָן — בראש פון דער באַוועגונג פון זאָרג פאַר די אומגליקלעכע יידישע קינדער.

פּרצס קינדער־לידער.

1915 — שבת, דריטן טאָג חול־המועד פּסח (3־טן אַפּריל), 9 אַ זייגער אין דער פרי, ביים שרייבטיש, ווען פּרץ האָט גע־שאַפן אַ ליד וועגן אַ פויגל, אָנשרייבנדיק די ווערטער:

שטילער, שטילער,
דאַנקען וויל ער...

האָט זיך דאָס האַרץ פון יצחק לייבוש פּרץ אָפּגעשטעלט אויף אייביק.

## ביכער פון דעם זעלבן מחבר:

1) יידישע טעאַטער אין פּוילן — פאַרלאַג „יידיש־בוך", וואַרשע, 1951.

2) די מאַמע אסתּר־רחל (ביאָגראַפישע דערציילונג) — פאַרלאַג „יידיש־בוך", וואַרשע, 1953.

3) סאָוויעטישע דראַמאַטורגיע (עסייען) — פאַרלאַג „יידיש־בוך", וואַרשע, 1955.

4) וואַרשע, דאָס וויגעלע פון יידישן טעאַטער (עסייען) — פאַרלאַג „יידיש־בוך", וואַרשע, 1956.

5) וואַרשעווער פּורים־שפּילער (היסטאָרישער ראָמאַן) — פאַר־לאַג „יידיש־בוך", וואַרשע, 1957.

6) פּנימער און מאַסקעס (דערציילונגען און סקיצן). 150־טער באַנד פון דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום", בוענאָס־איירעס, 1960.

7) אויף מיין וועג... (שרייבער און קינסטלער), דערמאָנונגען און אָפּשאַצונגען. 173־טער באַנד פון דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום", בוענאָס־איירעס, 1964.